# תוכן השיחות בעת ניחום אבלים אצל רבינו שליט"א
# על פטירת אחיו כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן זצ"ל
# יום ב' פרשת שלח תשע"ח לפ"ק – אחר הצהרים

## בענין לימוד תורה לשמה
## ועובדות מהגה"ק מגאלאנטא זצ"ל

**רבינו:** איך האב אמאל געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, ער איז געווען א תלמיד פונעם זיידן דער **שאמלויא'ער רב**, ער האט געלערנט ביי אים אין די ישיבה. און בשעת ער האט געלערנט ביי אים, איז געקומען א יונגערמאן זיך פארהערן יורה דעה, ער האט גענומען התרת הוראה. און דער זיידע, דער **שאמלויא'ער רב זצ"ל** האט אים פארהערט, און ער איז ארויס פון התפעלות ווי אזוי דער יונגערמאן האט געקענט. און ער האט אים גערופן, אז ער זאל קומען עסן די מיטאג סעודה צוזאמען מיט אים. און מיין טאטע ז"ל איז אויך געזעסן דארט ביים טיש. און דער **שאמלויא'ער רב** האט אנגעהויבן משבח צו זיין דעם יונגערמאן אז ער האט אזוי פיין געקענט, און ער האט אזוי פיין געענטפערט, איך זעה אז דו האסט דיך אסאך געפלאגט אויף תורה. האט זיך דער יונגערמאן אנגערופן, אבער אונזער תורה איז תורה שלא לשמה.

האט זיך דער **שאמלויא'ער רב** אנגערופן, איך וועל דיר זאגן צוויי זאכן. איינס, עס איז היינט נישט דא תורה שלא לשמה. יעדע תורה וואס א יוד לערנט, איז לשמה. דו לערנסט תורה שלא לשמה, כדי מען זאל דיך מכבד זיין?! ווען דו וואלסט אריינגעלייגט די צייט וואס דו האסט געלערנט תורה, אין מילי דעלמא, וואלסטו מצליח געווען. און מען וואלט דיך אויך מכבד געווען אויף א אנדערן אופן. און מען וואלט דיך מכבד געווען מער פון וואס מען איז היינט מכבד א תלמיד חכם. קומט אויס, אז דאס וואס דו לערנסט תורה, איז תורה לשמה.

צווייטענס, דו זאגסט אז דו לערנסט תורה שלא לשמה. דו זאלסט וויסן, אז תורה שלא לשמה איז בוקע רקיעים! חז"ל זאגן, אז מען דארף לערנען תורה שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה (פסחים נ:). דיין תורה וואס דו האסט געלערנט איז בוקע רקיעים. אפילו מען לערנט תורה שלא לשמה, פון דעסטוועגן דאך האט עס א געוואלדיגע חשיבות.

**האדמו"ר מגאלאנטא:** דער **ברעזשאנער רב זצ"ל** איז אלץ יונגערמאן קראנק געווען, און ער האט געחלומ'ט אז ער איז אין בית דין של מעלה, און מען איז אים דן למיתה, ווייל ער לערנט נישט תורה לשמה. איז געקומען א צדיק, און ער האט געזאגט, אז אין דעם דור, אז א יונגערמאן לערנט, ווילט עטץ אז עס זאל זיין תורה לשמה. ער וועט ווערן געזונט, און ער וועט ווייטער לערנען, וועט עס שוין זיין תורה לשמה. און ער איז געזונט געווארן. שפעטער איז ער געווען ביים **זידיטשובער רבי'ן** (הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע) האט ער געזעהן אז ער איז געווען דער וואס האט ממליץ געווען אויף אים אין בית דין של מעלה. און ווען ער איז אריינגעקומען האט אים דער **זידיטשובער רבי** געפרעגט, נו, האסט שוין געלערנט תורה לשמה?!

**א' מהנוכחים:** איך מיין אז עס שטייט, אז עס איז געקומען א מלאך, און האט אוועקגעבלאזן זיין גאנצע תורה, ווייל עס איז תורה שלא לשמה.

**האדמו"ר מגאלאנטא:** עס איז געדרוקט אין די הקדמה פון **תכלת מרדכי**.

**רבינו:** אויף שלא לשמה קען מען טון היינט בעסערע זאכען ווי צו לערנען. סיי פאר פרנסה, און סיי פאר כבוד.

**האדמו"ר מגאלאנטא:** תורה לשמה שטייט אין די ספרים אז עס איז ללמוד וללמד, לשמור ולעשות. וויסען ווי אזוי צו זיין א יוד, דאס איז תורה לשמה.

*

**האדמו"ר מגאלאנטא:** איך האב געלערנט צוזאמען מיט אים, אין די ישיבה אויף בעדפארד עוו. ער האט געלערנט זייער פלייסיג.

**רבינו:** אין וועלכע יאר?

**האדמו"ר מגאלאנטא:** תשכ"ה-כ"ו.

**רבינו:** תשכ"ה-כ"ו האט ער נאך געלערנט אין די ישיבה?

**האדמו"ר מגאלאנטא:** שפעטער בין איך געגאנגען קיין סענז סט. האט ער שוין נישט געלערנט דארט.

**בנו הרה"ג רבי חיים יהודא:** תשכ"ט האט ער שוין חתונה געהאט. דאס הייסט אז נאר צוויי יאר האט ער געלערנט אין נייטרא ישיבה?

**האדמו"ר מגאלאנטא:** וואו האט ער געלערנט נאך סאטמאר?

**רבינו:** אין נייטרא.

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** דער פעטער געדענקט עפעס פון יענע יארן.

**רבינו:** אין יענע יארן האב איך זיך כמעט נישט געטראפן מיט אים. איך בין געווען כמעט א גאנץ יאר אין ישיבה. היינט קומט מען אהיים יעדע דריי פיר וואכען, דעמאלטס איז מען נישט אהיימגעקומען אינדערמיט. מען איז געווען אין ישיבה פון ראש חודש חשון ביז ראש חודש ניסן.

*

**האדמו"ר מגאלאנטא:** דער טאטע (הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל) האט געלערנט א ווינטער זמן אין גאלאנטא?

**רבינו:** א ווינטער, און א זומער (זמן הקיץ תרפ"ו, וזמן החורף תרפ"ח).

**האדמו"ר מגאלאנטא:** סערדאהעלי איז נישט אזוי ווייט פון גאלאנטא.

**רבינו:** מען האט זיי דעפארטירט אין די זעלבע צייט. איין טאג אפגערוקט פון סערדאהעלי.

**מיין טאטע ז"ל** האט דערציילט, אז אמאל פרייטאג צו נאכטס ביים טיש, האט דער **גאלאנטער רב** געמאכט קידוש אויף זיין פלאץ, און ער האט זיך געוואשן ביים עק שטוב. זעהט אויס אז עס איז געווען דארט א סינ"ק. און ווען ער איז אהינגעגאנגען, האט ער געהערט ווי צוויי בחורים רעדן צווישן זיך אונגאריש. האט ער צוזאמגעקלאפט די הענט, שבת זאל מען רעדן גוי"ש?! די צונג וואלט מען געדארפט ארויסשניידן פון איינעם וואס קען רעדן שבת גוי"ש.

**האדמו"ר מגאלאנטא:** דער **ירושלימער רב שליט"א, רבי יצחק טובי'**, האט פארציילט, אז אין גאלאנטא זענען געווען צוויי קהלות, עס האט געהייסען אז זיי זענען געשפאנט. און **רבי בנימין זיידל זצ"ל** איז געווען רב אין גאלאנטא אין די אנדערע קהלה, און זיין זון, **רבי שלום בער**, איז געווען א תלמיד פונעם זיידן דער **גאלאנטער רב**, און ער האט שפעטער איבערגענומען זיין פאטער'ס פלאץ. דער **רבי שלום בער** פלעגט קומען צום טיש יעדן שבת אינדערפרי. האט ער דערציילט, אז פורים אינדערפרי האט דער **גאלאנטער רב** געשיקט דעם ערשטן משלוח מנות פאר דעם **רבי שלום בער**, און ער האט געזאגט פאר דעם שליח, טראג עס צום 'גאלאנטער רב'. - ער האט אוועקגעגעבן זיין טיטל פאר אים, כאטש ער איז געווען פון די אנדערע קהלה (הובא בספר **רבינו הגדול אמרו** דף כא).

---

## עובדות וזכרונות מאת הרה"ק מסאטמאר זי"ע

---

**רבינו** (פנה לנכדו של הר"ר לייבוש פרענקל): איך געדענק דיין זיידען פון קרוינהייטס, ער איז געווען אמאל חמשה עשר בשבט ביים **סאטמארער רב'ס** טיש. חמשה עשר בשבט האט ער נישט געפירט קיין טיש פארן עולם, ער האט זיך געוואשען נאכמיטאג נאך שחרית, דריי פיר נאכמיטאג, ביי זיך אין בית המדרש אונטען, עס איז געווען ביים טיש אפשר א מנין יודען. מען האט געטיילט א געהעריגע סעודה, אלע האבן מיטגעגעסן צוזאמען. די בעלי בתים זענען געווען דעמאלטס אין די ארבעט, עס איז נישט געווען קיין כולל, די בחורים פון די ישיבה האט מען נישט געלאזט קומען, ממילא איז עס געווען זייער א רואיגע טיש. מען האט נישט געדארפט צומאכן די טיר, ווייל עס איז נישט געווען ווער עס זאל קומען. איך האב דעמאלטס געלערנט אין נייטרא, און עס איז מיר אויסגעקומען אז איך בין געווען אין שטאט חמשה עשר, בין איך אריינגעגאנגען אין בית

המדרש, קיינער האט מיר נישט געזאגט קיין ווארט, עס איז נישט געווען קיין פרעמדע בחורים דארט, און צווישן דעם מנין מצומצם איז געווען דיין זיידע. אין קרוינהייטס האט ער נישט געקענט שטענדיג אריינקומען א שבת, נאר צו א וואכעדיגע טיש. - זייט דעמאלטס בין איך יעדן חמשה עשר אריינגעקומען, ווייל איך האב געוואוסט אז עס איז א גוטער זמן. פארן בענטשען, צו נאכן בענטשען, האט מען אריינגעברענגט פירות, עס איז שוין געווען דעמאלטס פיר פינף נאכמיטאג, עס איז געווען ווינטער, דעמאלטס איז אנגעקומען א עולם. די אלע וואס זענען אהיימגעקומען פון די ארבעט, זענען קודם אריינגעקומען צום טיש.

**א' המנחמים:** די תורה האט ער געזאגט פארדעם?

**רבינו:** ער האט נישט געזאגט קיין תורה. ער האט קיינמאל נישט געזאגט קיין תורה אין א וואכעדיגע מסיבה. נישט ל"ג בעומר, נישט שושן פורים, נישט חמשה עשר, נישט חול המועד, נאר אין א שבת אדער א יום טוב.

**א' המנחמים:** געשמועסט האט ער יא?

**רבינו:** יא. עס איז געווען זייער באטעמ'טע שמועסן ביי די סעודה.

**א' המנחמים:** מען זאגט אז ער פלעגט אסאך רעדן מיטן טאטן (הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל) ביי ברית'ן.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** פלעגט צו זאגען, אז ווען איך וואלט אראפגעשריבן אלעס וואס איך האב געהערט פון אים ביי די ברית'ן, וואלט איך געקענט האבן א גאנץ ספר.

**בנו אב"ד תו"א וומסב"ג:** מיין טאטע ז"ל פלעגט זאגן, אז אלס קינד געדענקט ער, אז עס האט געדויערט זייער לאנג ביז ווען ער איז אהיימגעקומען פון די ברית'ן דארט.

**רבינו:** ביי א ברית איז געווען בדיחא דעתיה. עס איז געווען נאכן דאווענען, עס איז געווען רואיג. ער האט זיך נישט געאיילט, ער איז געזעסן רואיג ביי די סעודה.

**א' מהנוכחים:** קען זיין אז עס איז אים געווען א הנאה. נאך די מלחמה, איז יעדע ברית געווען א הנאה, אז עס בויהט זיך פרישע דורות.

**א' מהנוכחים:** מיין זיידע האט געהאט א אינטערעסאנטע מעשה ביי **רבי איציקל פון פשעווארסק זצ"ל**. מיין פעטער האט חתונה געהאט אין אנטווערפען, און פרייטאג צו נאכטס איז ער געגאנגען צום טיש, אויפן וועג האבן זיי אזוי גערעדט צווישן זיך, אז מען זעהט נישט אז ער זאל זיצען און לערנען. ווען ער איז אריינגעקומען ביי די טיר, האט זיך **רבי איציקל** אנגערופן, אונגארישע חסידים, דער רבי לערנט יא, דער רבי לערנט נישט.

**רבינו: רבי איציקל** האט שטענדיג געזאגט, מען האט נישט געוואוסט וואס ער זאגט.

---

## זכרונות מימי קדם ועובדות ועניינים מהגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל

---

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** דער טאטע ז"ל פלעגט דערציילן אז אין זיינע יונגע יארן, איז די באבע נישט געווען געזונט.

**רבינו:** די מאמע איז נישט געווען געזונט אפאר יאר. זי האט געליטן אויף די לונגען, און דעמאלטס איז נישט געווען א רפואה אויף די מחלה. עס איז ארויסגעקומען דעמאלטס א עקספערימענ"ט וואס עס איז געווען א נייע שטאפל, און מען האט איר געפרעגט צו זי וויל אדורכגיין דעם עקספערימענ"ט, און מען האט שוין נישט געהאט וואס צו פארלירן, מען האט ממילא נישט געקענט העלפן. זי איז אדורכגעגאנגען דעם עקספערימענ"ט, און צוויי יאר האט גענומען זיך צו ערהוילן פון דעם עקספערימענ"ט. נאך די אפעראציע האט זי זיך געדארפט ערהוילן צוויי יאר. עס איז געווען א ערהוילונגס היים, דארט וואו די קאשוי'ער ישיבה איז היינט, אין בעדפארד הילס, איז געווען דעמאלטס א קאנוועלעסע"ן היים האט מען עס גערופן, דארט האבן זיך די קראנקע געהיילט, און די מאמע איז דארט געווען צוויי יאר. מיר זענען געווען קליינע קינדער אין שטוב, אין אנהייב זענען געקומען יודענע'ס אין שטוב און זיי האבן געברענגט צו עסן, און געוואשן די וועש וכדומה, אבער עס האט נישט געקענט אנהאלטן אזוי, האט מען אונז צוטיילט. רבי חיים לייב שליט"א (גאב"ד סערדאהעלי) איז שוין געווען א בחור, איז ער געבליבן אינדערהיים. איך בין געווען ביים **דיארמאט'ער רב זצ"ל** אין שטוב אין קרוינהייטס, און דיין

טאטע איז געווען בעיקר אויף צוויי פלעצער, ביי ר' פנחס אלימלך גרינוואלד ז"ל, ער האט געוואוינט דעמאלטס אין וויליאמסבורג, און ביי א יוד ר' יוסף ווייס ז"ל, ער האט נישט געהאט קיין קינדער, ער איז געווען פון סערדאהעלי, האט ער אריינגענומען דיין טאטן אין שטוב, ביז די מאמע איז אהיימגעקומען. נאך די צוויי יאר איז די מאמע אהיימגעקומען, און זי האט געפירט א געהעריגע ווירטשאפט.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** מען האט קוים געהאט א מאמע אין די צוויי יאר.

**רבינו:** איך ווייס נישט צו איך האב אפילו איין מאל געזעהן מיין מאמע אין די צוויי יאר. ווער האט געהאט א קאר צו פארן פון דא ביז קיין בעדפארד הילס.

איך געדענק איך בין געווען אין קעמפ, אין סאטמאר, איינמאל רופט אונז צו רבי יודל ראזענבערג ז"ל (מנהל המחנה), אז ער האט באשטעלט איינער זאל כאפן א פיקטשער פון אונז, כדי צו שיקן פאר די מאמע.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** ער האט שיין אנגעטון, מיט א נייע הויזן, אזוי האט דער טאטע דערציילט, מיט קורצע ערמל. מיר האבן דאס בילד דא אין שטוב.

**א' מהנוכחים:** מיין טאטע האט מיר געזאגט אז דער רב האט זיך א געוואלד אפגעגעבן מיט די מאמען.

**רבינו:** דאס איז שוין געווען שפעטער. אין די לעצטערע יארן איז די מאמע קראנק געווען דרייצן פערצן יאר.

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** דער טאטע ז"ל איז אויך קראנק געווען דרייצן פערצן יאר.

אינדערהיים איז געווען אזוי שווער דאס לעבן, היינט וואלט מען שוין גערארפט גיין צו פסיכיאטער"ס. אזויפיל טראמא"ס וואס מען איז אדורך.

**רבינו:** די אהבה וואס איז געווען אמאל צווישן עלטערן און קינדער, האט אלעס איבערגעוואויגן. מען האט 'געלעבט' מיט די משפחה. היינט לעבט מען מיט די האלבע גאס אינדרויסן, און עפעס גיט מען פאר די קינדער אויך. עס איז נישט דא די ווארימקייט.

אין אונזערע צייטן, איז נישט געווען אז א קינד זאל איבערלאזן די שטוב און אוועקגיין אין דער פרעמד. ער האט עס נישט געקענט טון, נישט ווייל ער האט מורא געהאט פונעם אייבערשטען וכדומה, נאר ער האט זיך נישט געקענט אפהאקן פון די עלטערן, עס איז געווען א חלק פון זיין לעבן.

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** היינט איז עס שוין נישט אזא ווייטע וועג, ער גייט נישט פון עפעס אזוי שטארק אוועק.

**רבינו:** אמאל זענען די עלטערן געזעסן מיט די קינדער שעות ארוכות. ווען עס איז געווארן נאכט, איז מען נישט געווען אינדרויסן, מען איז נישט געגאנגען אויף קיין חתונות.

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** דער **סאמבאטהעלער זיידע** האט געקענט זיצען און פארברענגען מיט די קינדער?

**רבינו:** אפשר נישט אייביג די טאטע, אבער די מאמע. אויסער קאכען איז מען געווען פארנומען אונטערצוהאלטען די קינדער.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** דער טאטע פלעגט אייביג דערציילען ווי אזוי דער זיידע האט אראפגעלייגט א שבת פאר די קינדער.

**רבינו:** שבת איז געווען דעם טאטנ'ס טאג, אבער א גאנצע וואך האט די מאמע פארברענגט מיט די קינדער.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** דער זיידע פלעגט זיך אראפלייגען פאר די סעודה.

**א' מהנוכחים:** דער רב האט עס פארציילט ביי די שבת שובה דרשה.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** מיין טאטע פלעגט עס אויך דערציילען. עס ליגט אין די בלוט.

**רבינו:** דער טאטע האט געהאט דעם עול פון די שטוב, ממילא פרייטאג ביז אלעס איז מסודר געווארן וכדומה, איז ער געווען מיד, און ער האט נישט געוואלט אריינקומען צו די סעודה מידערהייט, האט ער זיך אראפגעלייגט. און ווען ער איז אויפגעשטאנען האט ער נאך געלערנט א שעה ביז קידוש, און נאכדעם האט ער זיך רואיגערהייט אראפגעזעצט צו די סעודה, און ער האט מאריך געווען. – אסאך מאל האבן מיר שוין נישט געהאט קיין כח.

**בנו הגרא"א כ"ץ אב"ד חרדים:** איך מיין אז פאר מען האט אנגעהויבן שלום עליכם פלעגט ער ארייננקוקען אין א **נועם אלימלך**.

**רבינו:** דער טאטע פלעגט צו לערנען פאר קידוש **נועם אלימלך**, און **זוהר הק'**, און נאכדעם **של"ה**. די ספרים זענען אים געווען צוגעגרייט.

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** און דאס האט ער געלערנט אין די שעה צייט פאר קידוש?

**רבינו:** יא, פאר שלום עליכם. די מאמע ע"ה פלעגט צו בעטן אז ער זאל שוין מאכן קידוש, און ער פלעגט איר זאגן, אז מען קען עסן און זיך אראפלייגען פרייטאג נאכמיטאג, כדי מען זאל אים נישט דארפן שטערן ביינאכט.

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** און דער טאטע אליין האט אויך געהאט זמנים וואס ער האט געשמועסט מיט די קינדער?

**רבינו:** ניין, עס איז געווען אזוי נאטורליך. עס איז נישט געווען ווי אזוי מען זעצט זיך אראפ שמועסן. עס איז געווען א נאטורליכע שטוב.

**א' מהנוכחים:** ער איז דאך געווען פארנומען מיט די האלבע שטאט, מיט די ברית'ן, און מיט פסקענען שאלות.

**רבינו:** עס איז נישט געווען אזא זאך, ווען א קינד אדער א אייניקעל איז אריינגעקומען, אז ער האט געזאגט, איך האב נישט קיין צייט יעצט. ווען א קליין קינד איז אריינגעקומען, האט ער געפרעגט, וואס מאכסטו, וואס טוסטו, פארצייל מיר עפעס[א].

ער האט אונז קיינמאל נישט געשיקט לערנען. ער האט קיינמאל נישט געזאגט, נו, פארוואס דרייסטו זיך ארום? אונז פלעגט מיר אסאל מאל אים אויספרובירן...

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** נאר וואס דען?

**רבינו:** ער האט פארשטאנען, אז ווען איך וועל דארפן לערנען וועל איך לערנען. אז איך וועל אים זעהן לערנען, וועל איך אויך לערנען. נישט דאס זאגען, גיי גיי, דאס וועט עס מאכען. ער האט פארשטאנען אז ער דארף נישט זאגען, ווייל אדער וועט עס נישט העלפען, אדער וועט עס ממילא פאסירן. דאס זאגן וועט עס נישט מאכן[ב].

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** עס איז געווען א זאך וואס ער האט יא געזאגט? נאר דאס האט ער נישט געזאגט, אדער בכלל האט ער נישט געזאגט?

**רבינו:** אז מען האט געטון א זאך נישט גוט, האט ער געזאגט.

**א' מהנוכחים:** דער רב זאגט אלץ, אז א קינד דארף זיין באקוועם אין שטוב, עס זאל אים זיין געשמאק.

**רבינו:** ווען איך בין געווארן א רב, בין איך אזויפיל זאכען געוואר געווארן, וואס ביי אונז אין שטוב איז דאס נישט געווען. איך האב געמיינט אז אלע שטובער זענען אזוי ווי אונזער שטוב.

---

[א] נעתיק דברי **רבינו שליט"א** בדרשת שבת הגדול תש"ע לפ"ק: **אבא מארי זצ"ל** היה מבלה זמן רב בשיחה עם הבנים, לא מבעיא בשבתות וימים טובים, שהסעודות ארכו שעות מרובות, בסיפורי מעשיות, ושיחת חולין של תלמידי חכמים שצריכה לימוד, וכמה פעמים כאשר היו הטירדות בערב שבת מרובות ולא הרגיש במנוחת הדעת בליל שבת, הלך לנוח לשעה קודם קידוש, כדי שתהא דעתו צלולה בהסעודה. – וגם בימות החול היה מרבה לשוחח עמנו, וגם כאשר נכנס נכד צעיר להחדר, הראה קירבה יתירה ולפעמים במילתא דבדיחותא, עד שכמה פעמים עלה בדעתי בימים ההם אם אין בזה משום ביטול תורה. אבל ברבות הימים הבנתי וירדתי לסוף דעתו, שהיה בזה עבודה של קירוב לבבות להפליא, לקשר לב הבנים והנכדים, וחמין ושמן שסכו בילדותי עומדים המה בזקנותי (נדפס **בשמן ראש** פסח ח"ב דף מט).

[ב] בדרשת פרקי אבות פרשת במדבר תשס"ו לפ"ק האריך **רבינו שליט"א** בזה, וזה לשונו: עלה לי ברעיוני היום, שהוא שבת קודם היומא דהילולא של **אבא מארי זצ"ל**, הרבה דברים מהימים שעברו, בהלו נרו על ראשינו, חמין ושמן שסכו לי בילדותי, אשר באויר של חינוך כזה גודלתי כל ימי, שכמעט לא הרים קול תוכחה, אלא שהנהגתו בבית עשתה רושם רב עלינו. והבנתי שמטעם זה מיעט בתוכחה, כי ידע שהנהגתו בעצמו 'מדבר' אלינו תמיד, ואין צורך להוסיף בדיבורו. ומי שראה סדרו בתורה ותפלה, אשר מאשמורת הבוקר עד קרוב לחצות היום היה יושב מעוטר בטלית ותפילין בשיעוריו, ותפלתו מעומק הלב בבכיות של אהבה ודביקות, ומדותיו הנעלות בבית, אשר כמעט לא ראינו אותו כועס או צועק או מרים קולו, וכל הבית התנהג בנחת ובשלוה. והסעודות שבת קודש היו כולם עוטה אורה, בדברי תורה וסיפורי צדיקים ושירות ותשבחות וכו', עד שהיה תענוג רוחני לשבת בבית גם בימות החול, זהו החינוך האמיתי, אשר חנוך לנער על פי 'דרכו', ואז גם כי יזקין לא יסור ממנה.

**א' מהנוכחים:** מען זאגט נאך, אז דער טאטע האט עפעס געזאגט, אז ער האט געטון פארשידענע זאכן וועגן די חינוך פון די קינדער, וואס נאר דער אייבערשטער ווייסט.

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** אזוי האב איך געהערט פון מיין טאטן ז"ל.

**רבינו:** איין מאל האט ער מיר געזאגט, אז א מענטש קען נישט האבן אלעס אויף דער וועלט. איינער האט דאס, און איינער האט עפעס אנדערש. האט ער געזאגט, איך האב אלץ געבעטן פונעם רבונו של עולם, אז איך בין אויף אלעם מוותר, אבי איך זאל האבן גוטע קינדער, עפעס אנדערש דארף איך נישט. ווען ער פלעגט האבן שווערע זמנים, פלעגט ער זאגן, איך האב עס מיר אליין געבעטן.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** די באבע פלעגט נישט צו נעמען א גוי'טע צו רוימען אין שטוב, זי האט ענדערש געוואלט נוצן דאס געלט אויסצוהאלטן די קינדער אז זיי זאלן קענען לערנען.

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** דער טאטע האט מיר געזאגט, אז דער זיידע האט אים געזאגט, אז עס איז געווען כמה וכמה פעמים, וואס ער האט געטון וואס רש"י הק' טאטע האט געטון.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** ער פלעגט זיצן אין בית המדרש פון נאכן דאווענען ביז חצות.

**רבינו:** פארמיטאג איז ער געזעסן מיטן טלית און תפלין אין בית המדרש.

---

## חביבות המצוות אצל
## כ"ק הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל

---

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** דער טאטע ז"ל פלעגט אייביג דערציילען פון די עבודה וואס דער זיידע (הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל) האט אריינגעלייגט אין יעדע מצוה.

**רבינו:** ער איז געווען א מהדר במצוות. יעדע מצוה האט ער געזוכט צו טון אויפן שענסטען וועג. אין די סוכה איז ער געווען פארנומען מיט לייגען די נוי סוכה, א גאנצען טאג, פון אינדערפרי ערב יום טוב ביז ביינאכט.

**בנו אב"ד חרדים:** און מען האט געגעסן די פירות (שנתלו בתוך הסוכה) חמשה עשר בשבט.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** ער האט געמאכט אליין א שטערן יעדעס יאר.

**רבינו:** ער האט געמאכט יעדעס יאר צוויי נייע שטערנס פאר די סוכה. ער האט געמאכט זייער שיין. און חול המועד האט ער צוגעלייגט נאך. וואס עס איז אים נישט אויסגעקומען אויפצוהענגען ערב יום טוב. - ער האט נישט סתם געהאנגען, נאר עס איז אלעס געווען מיט א חשבון. טאמער אויף די ווינקעל איז דא דאס, דארף זיין אויף יענעם ווינקל דאס צווייטע זאך. די שטערן דארף זיין אזויפיל אפגערוקט פון די זייט פון די וואנט, אזויפיל ווי די שטערן אקעגען איבער. אזוי ווי מען טוט דעקארעטע"ן א בית המלכות. די שטערן דארף מעטש"ן צו יענעם שטערן.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** דער טאטע פלעגט מיר זאגן, אז ער פלעגט זיין אזויפיל טרוד מיטן עולם, צו ענטפערן מיט אתרוגים, א גאנצן טאג, און ווען עס איז געקומען צוועלף ביינאכט, האט ער געזאגט, אז ער האט נאכנישט געמאכט א שטערן, און ער האט זיך אוועקגעזעצט מאכן א נייע שטערן פאר די סוכה.

**רבינו:** ער האט געמאכט צוויי די זעלבע סיי"ז, און איינס א גרעסערס און איינס א קלענערס.

**אב"ד חרדים:** ער פלעגט מקפיד זיין צו הענגען שמן זית אז עס זאל זיין גענוג פאר חנוכה.

**רבינו:** חנוכה האט ער גענוצט שמן פאר די מנורה נאר וואס עס איז געהאנגען אין די סוכה. די עפל און די ניסלעך האט ער אוועקגעלייגט פאר חרוסת, און די פירות האט ער אוועקגעלייגט פאר חמשה עשר בשבט. ער האט אויפגעהאנגען די עפל אויף א נאגעל אין שטוב, ער האט געהאט א סטארידז"ש צימער, און עס איז געווארן פארטרוקענט. ער האט געלייגט אפאר עפל, אז עס זאל בלייבן וואס מען זאל קענען נוצען פסח. הואיל ואיתעביד בה מצוה חדא יתעבד בה מצוה אחריתי[ג].

---

[ג] נצטט מתוך הקדמת **רבינו שליט"א** לספר **ויאמר יהושע** על חג הסוכות: וכן דקדק מאד במצות סוכה, ומעולם לא הניח אף לבני ביתו לסכך סוכתו בביתו ובבית מדרשו (אשר שם ישב בשב"ק בסעודה שלישית ובשמחת בית השואבה), אלא בעצמו היה מטפס ועולה ומטפס ויורד בהנחת הסכך. ובעת

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** ביי מיין טאטן ז"ל אויך, איז די הכנה צו די מצוה געווען א גאנצע עבודה.
**א' מהנוכחים:** עס ווערט געברענגט אין די ספרים (**פרדס יוסף** (וירא כב-ד) בשם **הגר"א**), אז כאטש שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין לט:), אבער אויף די הכנה צו די מצוה, אויף דעם איז יא דא שכר בהאי עלמא.
**הרה"ג רבי חיים יהודא:** איך געדענק אלץ קינד ביים טאטן, די שמחה וואס ער האט געהאט ווען ער האט געטראפן א אתרוג. ער האט צוזאם גערופן די גאנצע משפחה און געוויזן דעם אתרוג וואס ער האט געטראפן.
**אב"ד חרדים:** ער האט זיך אסאך אנגעשטרענגט צו טרעפן א שיינעם אתרוג.
**רבינו:** ער פלעגט צו שיקן פארן טאטן אויך א אתרוג פון ארץ ישראל, ווען ער האט געוואוינט דארט.
**אב"ד תו"א וומסב"ג:** אמאל ווען ער האט ארויף געקלאפט א מזוזה האט ער מיר געוויזן, קוק וואס עס שטייט דא, ער איז איבערגעגאנגען די מזוזה. ער האט מיר געוויזן קום וועסטו זעהן ווי אזוי מען מאכט ציצית, ער האט אליין געקניפט די ציצית מנופץ לשמה. ער האט מסביר וואס עס הייסט מנופץ לשמה, און ער האט געוויזן ווי אזוי מען דרייט ארום די ציצית, ווי מען זאגט א' ב' ג' וכו', פשוט איך זאל זעהן ווי אזוי מען מאכט די ציצית.
**רבינו:** מיין טאטע ז"ל האט אוועקגעגעבן צענדליגער שעות צו טרעפן א אתרוג. ער איז געגאנגען פון איין סוחר צום צווייטען, ער איז אריבערגעפארן קיין איסט סייד, וואו עס איז געווען דעמאלטס א מארקעט. איינמאל מוצאי יום הקדוש האט א סוחר אריינגערופן אז ער האט אריינבאקומען יעצט פרישע אתרוגים, איז ער צוועלף אזייגער ביינאכט, מוצאי יום הקדוש, געגאנגען און געזעסן דארט צוויי שעה. היינט זענען די סוחרים שוין מסודר, זיי ווייסען וואסערע אתרוגים זיי האבן, און זיי טוען עס אליין סארטירן. ווען עס קומט אריין א אדם חשוב, ווייסען זיי יעדן איינעם וואס זיי דארפן אים געבן. דעמאלטס איז נישט געווען אזוי, אזוי ווי עס איז אנגעקומען פון איטאליע, האט דער סוחר ארויסגעלייגט אלעס אויפן טיש, און יעדער האט געקענט גיין זוכן. ער האט געדארפט אדורכגיין דעם גאנצן באקס ביז ער האט אויסגעוועלט דעם שענסטן אתרוג. און די וואס האבן געהאט פראטעקציע, האבן געבעטן אז זיי ווילן זיין די ערשטע, בשעת מען עפנט עס. היינט אז אלעס איז שוין אויסגעוועלט איז נישט קיין חילוק ווען דו קומסט. דו באקומסט שוין מעיקרא די געקליבענע. דעמאלטס האט שוין דער סוחר געוואוסט אז אויב ער נעמט עס, איז עס א שיינער אתרוג, און ער האט זיך געלאזט באצאלן דערויף[ד].

---

הסיכון היה מזכיר תמיד דברי ספה"ק **זרע קודש** כי הצדיקים מייחדים בכל קנה וקנה בעת שמסככים סוכתם יחודים גדולים, ומחשבתו היה ניכרת מתוך מעשיו שרצה לכלול את עצמו אז עם צדיקים הללו. וכן היה מעטר סוכתו בעצמו בפירות הרבה, וקיים לשון חז"ל (סוכה י.) ועיטרה בקרמין ובסדינין המצויירין, ותלה בה אגוזין, שקדים, אפרסקין, ורמונים, פרכילי ענבים, ועטרות של שבולין, יינות, שמנים, וסלתות. והיה מצייר קירותיו וגגו בשאר ציורים הרבה מאד. ובשנות נעוריו היה עושה מדי שנה בשנה מניירות צבועים, שני ציורים המכונים בשם כוכבים, לעטר בזה סוכתו ולחדש בה דבר בכל שנה - גם היה רגיל לערב בתוך הסכך לולבם והדסים. - ואחר החג הצניע השמנים שנתלו בתוך הסוכה לצורך הדלקת נרות חנוכה, והתפוחים והאגוזים לחג הפסח לעשיית החרוסת, ומשאר הפירות והאתרוגים הצניע מקצתם כדי לאכול מהם בט"ו בשבט, דהואיל ואיתעביד ביה מצוה חדא ליתעבד ביה מצוה אחריתא, ושיורי מצוה מעכבין את הפורענות. ובהגיע החג הקדוש ונכנס לישב בסוכתו, היתה צהלתו בפניו, והיה ניכר עליו רוממות הנפש מתוך שמחה וחדוה בקיום המצוה, לחסות בצילא דמהימנותא עילאה תחת כנפי האם דפריס גדפוי על בניה. והיתה דירתו בתוך סוכתו במשך כל ימי החג, אוכל ושותה ולומד ומקבל פני אורחיו בסוכתו, והיה לומד בכל סעודה פרק או איזה משניות ממסכת סוכה, והיה ישן שם אף בעת שהיה הקור גדול.

[ד] וזה לשון **רבינו שליט"א** בהקדמתו הנ"ל: לקניית הד' מינים היה מטריח עצמו עד לעת זקנותו ללכת מסוחר לסוחר, ועבר על הרבה והרבה אתרוגים עד שבחר לעצמו אתרוג נקי והדר בכל המעלות, וכן בשאר הג' מינים. והיה רגיל לומר דברי **התיקוני זוהר** (תיקון כא) אתרוג דמיא ללבא, והלב צריך להיות בלי פגם, כי אחר כוונת הלב הן הן הדברים. והיה מדקדק הרבה שמלבד היות האתרוג נקי, שיהיה גם הדור נאה במראהו ותוארו כמגדל

## לימוד הלכות אבילות

**רבינו:** יעדער נוצט די ספרים פונעם ברודער (**הרה"ג רבי גבריאל צינגער שליט"א** בעל **נטעי גבריאל**). די הלכות לערנט מען דאך נישט קיין סאך, איז עס זייער נוצבאר.

**הג"ר שמשון צינגער אב"ד תבואות שמש:** ער זאגט אז רוב ענינים אויף אבילות האט ער פון די ספרדים. סתם אזוי האט מען דאך נישט געשריבן אויף עניני אבילות. דער **חתם סופר** אליין שרייבט אין א תשובה (חיו"ד סימן שמ"ו) גברא דקפדנא אנא[ה].

דער **חתם סופר** (בתשובותיו אבהע"ז סימן קכ"א ד"ה תו) ברענגט א מדרש (ילקוט ראובני תשסד) אויפן פסוק (במדבר כ-יב) יען לא האמנתם בי, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, היה לכם ללמוד עליו פרק אחד או הלכה אחת והיה נותן מימיו. זאגט ער, אז דער פשט איז, ווען מרים איז אוועק, און משה איז געזעסן שבעה, איז נישט געווען קיין וואסער, אין מים אלא תורה, און מען האט געדארפט לערנען פרק אחת, דאס איז פרק ואלו מגלחין, און הלכה אחת איז הלכות אבילות. מען האט געדארפט לערנען הלכות אבילות.

**רבינו:** דער **חתם סופר** ברענגט אזוי פונעם **פנים יפות** (פ' חקת), אז הלכה אחת איז דער פשט הלכות אבל. דער אייבערשטער האט געזאגט אז מען וואלט געדארפט לערנען פרק אחת או הלכה אחת, זאגט דער **חתם סופר** ער איז דאך געווען א אבל האט ער נישט געקענט לערנען, זאגט ער אז הלכה אחת מיינט הלכות אבלות.

די פאריגע וואך איז געווען די פרשה ווי מרים איז געווארן מצורעת, און די גמרא (זבחים קא:) פרעגט מי הסגירה, משה זר הוא, ואהרן קרוב. איז דאך שווער, משה איז דאך אויך א קרוב, פארוואס שטייט משה זר? ווילן א טייל זאגן (**מאיר עיני חכמים להגה"ק מאסטראוווצא זצ"ל**, ובספר **כלי חמדה** ויקרא קונטרס אחרון אות ח'), אז ביי קבלת התורה איז משה רבינו געווארן א גר שנתגייר כקטן שנולד דמי, ער האט מקבל געווען די תורה מאהבה, איז ער שוין נישט געווען א קרוב נאר א זר[ו]. אהרן האט נישט געהאט די מדריגה פון משה רבינו, איז ער געבליבן א קרוב (עיין **גור אריה** (פ' ויגש) דבגירות על ידי אונס לא אמרינן גר שנתגייר כקטן שנולד).

אויב מען זאגט אז משה רבינו איז געווען א זר, האט משה רבינו געקענט לערנען דעמאלטס אויך, האט אים דער אייבערשטער פארגעהאלטן פארוואס ער האט זיך צוריקגעהאלטן פון לערנען, דו האסט געקענט לערנען נישט נאר הלכות אבלות, נאר אויך פרק אחד והלכה אחת, סיי וועלכע הלכה, ער האט בכלל נישט געהאט קיין אבילות אויף זיך.

**אב"ד תבואות שמש:** דער **שב שמעתתא** אין די הקדמה (אות ח' וט') האט ער א גאנצע אריכות אויף דעם, וועגן גר שנתגייר.

## אלקים נצב בעדת א-ל

**א' מהנוכחים: איך האב אמאל געהערט פונעם רב (אב"ד תולדות אהרן זצ"ל) אז דער טאטע (הגה"צ**

וחריצין ובליטין, והלולב ישר ומהודר, וכן הדסים נאות שעליו חופין את עצו, וערבות מהודרות. וכמה פעמים לא היה בביתו רוב שעות היום בימים שלפני החג מחמת טירדא דמצוה. וכסף לא היה נחשב בעיניו בקניית הד' מינים. והיה רגיל לקנות אתרוג אחד מהודר מכל מדינה ומדינה שהיה נמכר בשוק, מחמת חשש מורכבים, כי אולי מקום אחד מוחזק יותר מחבירו.

[ה] וזה לשונו במכתבו לחותנו **הגאון רבי עקיבא איגר זצ"ל**: יקרת קדשו הגיעני, ובקראי בו ב' קושיות בהלכות שמחות נרתעתי לאחורי, כי גברא דקפדנא אנא, ואמרתי, העבר חרפתי אשר יגורתי, כי משפטיך טובים, ואמנם שגגה יצאה מלפני השליט הגדול, קדוש מו"ח הגאון נ"י ונעשיתי אבל אם קודר שחותי, ובאה אלי השמועה מאמי הצדקת זצ"ל, תנצב"ה הכ"מ ע"כ.

[ו] בדברי תורה פרשת בהעלותך העעל"ט ביאר בזה **רבינו שליט"א** דברי הגמרא (ברכות לב.) ואעשה אותך לגוי גדול (שמות לב-י) אמר רבי אלעזר, אמר משה לפני הקב"ה, רבונו של עולם, ומה כסא של שלש רגלים [אברהם יצחק ויעקב] אינו יכול לעמוד לפניך בשעת כעסך [בחטא העגל], כסא של רגל אחד על אחת כמה וכמה ע"כ. **ובמהרש"א** דקדק דכסא של רגל אחד לאו דוקא, דהא אותן ג' רגלים איתנהו נמי בבני משה, ע"ש מה שכתב בזה. ולהנ"ל יובן, דמשה הוי כגר שנתגייר, ופסק ממנו המשך האבות אברהם יצחק ויעקב, והיה כסא של רגל אחד דייקא.

**מסאמבאטהעלי זצ"ל)** האט אים דערציילט, אז ווען ער איז געקומען דא קיין אמעריקע, האט ער געטראכט זיך אריינצולאזען אין רבני'שע פונקציעס. ביי די הכשרים האט ער געזעהן מכשולות, איז ער אוועקגעגאנגען. ער האט געטראכט צו זיצען ביי דין תורה'ס, האט ער געזעהן ווי איין דיין איז אנגעקומען אן א הוט, האט ער געזאגט, א פלאץ וואס אלקים נצב בעדת קל, קומט מען אן א הוט, בשום אופן וויל ער נישט זיצן אויף אזא מקום.

**רבינו:** דער דיין איז נישט געקומען אן א הוט, נאר ביים זיצען אינמיטן די דין תורה האט ער אויסגעטון דעם הוט. האט ער געזאגט, אויסטון א הוט אינמיטן א דין תורה?!

**א' מהנוכחים:** וואו האט מען היינט די אמאליגע השגות...

---

### עובדות ועניינים מאת
### הגה"ק מתולדות אהרן זצ"ל

---

**א' מהנוכחים:** דער רב (אב"ד תו"א זצ"ל) האט מיר פארציילט, אז ווען ער איז א חתן געווארן האט דער טאטע מורא געהאט אז אפשר וועט ער בלייבן נאר אין תולדות אהרן, האט ער אים געשיקט אז ער זאל גיין זעהן רבנים און ערליכע יודען.

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** ער האט זיך אנטשולדיגט פארן **תולדות אהרן זיידע זצ"ל**, אז ער מיינט נישט פערזענליך, נאר היות אז ער איז צוגעוואוינט אז די קינדער גייען ארום צו ערליכע יודן נאשן, וויל ער בעטן אז דער מחותן זאל אים לאזן גיין. האט ער אים געזאגט, וואס הייסט איך וועל לאזן? איך וועל גיין צוזאמען מיט אים, איך גיי דאך אויך ארום. און ער האט עס מקיים געווען זייער שטארק, אזוי האט דער טאטע געזאגט, ער פלעגט אים ארום נעמען. וואו עס איז געווען וואוילע יודען, האט ער אים געשיקט אז ער זאל זעהן יענעמס עבודה.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** ער האט דערציילט, אז דער זיידע (האדמו"ר מתו"א זצ"ל) האט אים איינמאל געשיקט צום **גערער רבי**, דער **בית ישראל**, אז ער זאל זעהן ביי אים א שלש סעודות. און דער **גערער רבי** האט אים גערופן נעבן זיך, און ער האט אים געזאגט, דו ביסט דאך א שליח פון דיין שווער. ער האט אנגעהויבן צו זאגן תורה, און אינמיטן האט ער געגעבן א קלאפ מיטן בעכער, און ער האט געזאגט, עס איז געגוג, עטץ פארשטייטס ממילא נישט.

**רבינו:** ביי דיין טאטע'ס שבע ברכות איז דער **בית ישראל** געקומען אויף א שבע ברכות ביי דיין זיידען (האדמו"ר מתו"א זצ"ל) אין שטוב, מיטאג האט ער געמאכט א סעודה לכבודו, עס איז נישט געווען פאר די חסידים, און דער **בית ישראל** איז געקומען צום שבע ברכות. דעמאלטס האב איך געזעהן דעם **בית ישראל** דאס ערשטע מאל. ער איז געקומען מיט איין גבאי. ער איז אנגעקומען תיכף ווען מען האט זיך געוואשען, און ער איז געזעסן במשך די גאנצע סעודה.

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** דער טאטע האט דערציילט, אז עס איז געווען אמאל אין די שפעטערע יארן, וואס דער **תולדות אהרן זיידע** מיטן טאטען האבן זיך געטראפן מיטן **בית ישראל**, דער טאטע האט שוין געהאט אפאר קינדער, און מיין ברודער רבי אהרן זאל זיין געזונט, אונזער נייער רב, האט געוויינט, און דער **בית ישראל** האט זיך אנגערופן, 'ער וויינט ווי א רבי'.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** ווען מיין זיידע איז אמאל געווען באזוכן דעם **בית ישראל**, האט ער מיטגענומען מיין טאטן, און ער האט אים געזאגט, קום אונז גיי מיר באזוכן דעם **בית ישראל**. און דער גבאי איז אריינגעגאנגען זאגן אז דער **תולדות אהרן רבי** איז געקומען. און דער טאטע איז געשטאנען אזוי נעבן דעם צימער, האט ער געזעהן ווי דער **גערער רבי** נעמט זיך צוזאם די פיאות מיט די בארד, און פארריכט זיך דעם רעקל, און ער האט זיך געשטעלט אזוי, און אנגעהויבן צו מארשירן אקעגן גיין דעם זיידען, מיט אזא יראת הכבוד.

**רבינו:** דער **בית ישראל** איז געווען א אדם גדול מאוד. די יראה פון זיין פנים האט מטיל אימה געווען, עס איז געווען א פארכט, ווען ער האט געגעבן א קוק האט ער אדורכגענומען דעם מענטש. ער האט פארלוירן אלע קינדער ביי די קריג, עס איז נישט געבליבן פון אים גארנישט.

ער האט זיך מחזק גרוועזן, און ער האט געהאלטן דעם גאנצן ציבור יודען.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** מיין טאטע האט געהאט א חברותא רבי ידידיה בראנסדארפער [א ברודער פון הגאון רבי מאיר בראנסדארפער זצ"ל], ער איז געווען א מורא'דיגער חריף, זיי האבן געלערנט זיבן יאר צוזאמען. ער איז געווען אזא מין חריף אז ער האט נישט געקענט אויסהאלטן ווען ער האט עפעס נישט פארשטאנען, און ער פלעגט אים ציפן, פארוואס פארשטייסטו נישט די גמרא.

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** די מאמע פלעגט זאגן, אז עס איז געווען פון גרויס חביבות, ער האט אים מורא'דיג ליב געהאט, און פון גרויס אהבה האט ער אים געציפט. אין ארץ ישראל איז דא ביי די ספרד'ישע ווען מען האט איינעם זייער ליב, בייסט מען אים...

**רבינו** (בצחות): יעצט פארשטיי איך שוין, אז עשו האט ליב געהאט יעקב.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** צום סוף איז ר' ידידי' געווארן א חסיד פונעם **בית ישראל**.

**רבינו:** עס האט זייער ווי געטון פארן זיידען. עס איז דאך דא א מעשה מיט אים וועגן קינדער.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** דער ר' ידידי' האט יארן נישט געהאט קיין קינדער, און דער זיידע ז"ל האט אים געזאגט, אז אויב ער וועט אים העלפן דרוקען דעם **מגיד דבריו ליעקב**, אדער די **ליקוטים יקרים** פונעם **רבי ר' בער זי"ע**, וועל איך דיר בעזר ה' אויספועל'ן א קינד. וכך הוה, ער האט אים געהאלפן מסדר זיין איינע פון די ספרים, און ער איז געהאלפן געווארן, ער האט געהאט א קינד. נאכדעם האט ער אים געזאגט, יעצט העלף מיר מיטן אנדערן ספר, האט ער געארבעט אויפן צווייטען, און ווען ער האט עס געענדיגט, איז ער געהאלפן געווארן מיט א צווייטע קינד. נאכדעם האט ער אים געזאגט, אז ער זאל אים ארויסהעלפן מיטן **דברי אמונה**, ווייל ער האט געוואלט זייער שטארק אז עס זאל זיין מורא'דיג מדוקדק, פונקטליך אזוי ווי ער האט עס געזאגט, נישט מוסיף זיין און נישט גורע זיין, און ער איז געווען א געוואלדיגע קאפ, ער האט אלעס געדענקט פונקטליך ווי אזוי דער זיידע האט עס געזאגט. אין די ערשטע מהדורא שטייט נאך, אז ער איז געווען דער וואס האט עס ארויסגעגעבן, און זי איז געווארן מעוברת, און איינמאל א פרייטאג נאכמיטאג איז ער געגאנגען אין מקוה, און ער האט געטראכט ביי זיך, די ערשטע צוויי קינדער ווייזט טאקע א סימן אויפן רבי, אבער די דריטע קינד, איינמאל עס האט זיך געעפענט די טויער, אפשר וואלט איך עס געהאט אזוי אויך, ווער זאגט אז עס קומט פון רבי'ן. יענע פרייטאג צונאכטס איז ער אדורך זאגן גוט שבת, און דער זיידע גיט אים א זאג, דו ווילסט האבן א סימן אז עס איז פון מיר, אז דו ווילסט האבן א בן זכר. איז ער געקומען צו לויפן צו מיין טאטן, איך שעם זיך פונעם רבי, איך האב געהאט אזא מחשבה, איך באגראב זיך פאר בושות.

**רבינו:** ער האט עס מיר אויך פארציילט.

---

## תקיעת שופר אצל הרה"ק מסאטמאר זי"ע

---

**הרה"ג רבי חיים צבי טייטלבוים שליט"א אב"ד סיגוט:** דער **סאמבאטהעלער רב** איז אלע יארן געווען בעל תוקע [אצל **הרה"ק מסאטמאר זי"ע**]?

**רבינו:** אלע יארן פון ווען ער איז אנגעקומען קיין אמעריקא. דער רבי איז אנגעקומען די הייליגע טעג תש"ז, און מיין טאטע ז"ל איז אנגעקומען אהער תש"ט. תש"ח איז געווען דער בעל תוקע רבי חיים טירנויער ז"ל, דער פאטער פון הרב טירנויער זצ"ל אב"ד שומרי שבת. און ער איז דעמאלטס געפארן וואוינען קיין ארץ ישראל, און מיין טאטע איז אנגעקומען אהער פאר פסח, און ער האט נאכנישט געהאט א בית המדרש, האט ער געדאווענט די הייליגע טעג אין סאטמאר. דעמאלטס איז נאכנישט געווען א געהעריגער בית המדרש, און מען האט געדאווענט אין בית יעקב אין די סאו"ט'ס. און אז ער האט געדאווענט דארט, האט ער אים מכבד געווען צו בלאזן שופר, און ער האט געבלאזן. און זעהט אויס אז עס איז אים זייער געפעלן די תקיעות. די קומענדיגע יאר האט שוין דער טאטע געהאט א בית המדרש, און ער האט געדאווענט ביי זיך, און נאכן דאווענען איז ער אריבערגעגאנגען הערן דעם רבי'ס

דאווענען, און דארט האט מען נאך געהאלטן פאר תקיעת שופר, קומט צו רבי יאסל (אשכנזי משב"ק), און ער זאגט אים, אז דער רבי איז אים מכבד צו בלאזן שופר. האט ער אים געזאגט, אז ער זאל זאגן פארן רבי'ן אז ער האט שוין געדאווענט. האט רבי יאסל געזאגט, אז דער רבי ווייסט, און דער רבי האט געזאגט אף על פי כן. און פון דעמאלטס אן איז שוין געבליבן אז ער האט געבלאזן יעדעס יאר. ער פלעגט צו דאווענען גאנץ פרי, ער האט געדאווענט זעקס דרייסיג, כדי ער זאל שוין קענען זיין פארטיג אויף צוויי אזייגער, און ער זאל קענען אנקומען צו די תקיעות.

**אב"ד סיגוט:** ער איז געווען בעל תוקע ביז תשכ"ח?

**רבינו:** ביז תשכ"ח זיכער, אבער נאכדעם איז דער רבי נישט געזונט געווארן, און ער האט אויפגעהערט צו זאגן די דרשה, איז שוין דער זייגער פארדרייט געווארן, און מען האט אנגעהויבן צו דאווענען פריער, און ער האט נישט געקענט איבערלאזן זיין בית המדרש, האט ער שוין פארשפעטיגט צו די תקיעות, און דעמאלטס האט זיך עס אויפגעהערט. עס איז אויך געווען נאך א הארץ אטאקע וואס מיין טאטע האט געהאט.

דאס ערשטע מאל וואס ער איז נישט געקומען, איז ער געווען זיך געזעגענען בין כסא לעשור, און דער רבי האט אים געפרעגט, פארוואס ער איז נישט געווען ראש השנה. האט ער געזאגט, איך האב נישט געהאט קיין כח. האט אים דער רבי געזאגט, עה, עס איז נישט א תירוץ. זאגט ער, איר זעהט מיך, איך קען זיך נישט אויפהייבן אליין פונעם בענקל, אבער ווען איך קום אין בית המדרש האב איך אנדערע כוחות. ווי איינער זאגט, אז עס טאר נישט זיין א תירוץ, אז איך האב נישט קיין כח (אמנם לבקשת הקודש חזר לתקוע בשנות תשל"ג תשל"ד ועוד).

**אב"ד סיגוט:** ווי אלט איז ער געווען (בשעת פטירתו)?

**רבינו:** מיין טאטע איז אלט געווען דריי און זיבעציג יאר ווען ער איז אוועק.

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** דער טאטע האט מיר געזאגט, אז ער פלעגט נישט עסן ביז נאך די תקיעות. אפילו ער האט שוין געענדיגט דאווענען האט ער נישט קידוש געמאכט, וויבאלד ער דארף מוציא זיין יעדן איינעם, האט ער נישט געוואלט עסן פארדעם.

**רבינו:** זעהט אויס אז עס בלאזט זיך אנדערש. דאס הייסט, ער האט געבלאזן ביי זיך, און ער האט געדאווענט ביי זיך, און נאכדעם געבלאזן דארט. ער האט כמעט געפאסט צוויי טעג ראש השנה.

**אב"ד סיגוט:** מען האט געענדיגט זעקסע זיבענע.

**א' מהנוכחים:** צוזאמען מיט צום גדלי' האט ער געפאסט דריי טעג.

# תוכן השיחות בעת ניחום אבלים אצל רבינו שליט"א
# על פטירת אחיו כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן זצ"ל
# יום ד' פרשת שלח תשע"ח לפ"ק – לפני הצהרים

## בענין אמירת דרשות ותוכחה לבני ישראל

**הרה"ג רבי יקותיאל יהודה גראס שליט"א אב"ד סעליש:** ווען רבי **משה יוסף** (מאוהעל) **זצ"ל** איז אוועק, האט מען געזאגט אז ער איז נסתלק געווארן וועגן די דרשות וואס ער האט געזאגט, ער איז געווען זייער גרויס אין זאגען דרשות. דער **שינאווער רב** האט באפוילען אז ער זאל אויפהערן צו זאגען דרשות. און מען האט עס יא איבערגעגעבן, צו מען האט עס נישט איבערגעגעבן.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ער איז נסתלק געווארן ווען ער איז געווען אויפן וועג צו זאגען א דרשה אין די שטאט בעקעש-טשאבא.

**אב"ד חרדים:** פארוואס האט ער באפוילען אז ער זאל נישט זאגען קיין דרשות.

**אב"ד סעליש:** ווייל ער האט געהאלטן אז ער נעמט צו די בחירה. ער האט געהאט א געוואלדיגען כוח אין זאגען דרשות.

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך ווייס נישט צו דער שינאווער רב האט געזאגט דעם טעם.

**אב"ד סעליש:** איך זאג עס לגבי דעם, ווייל דער **תולדות אהרן רב זצ"ל** האט אויך געהאט א שטארקע כח אין דרשות.

**אב"ד חרדים:** עס איז א אינטערעסאנטע זאך. ווייל דער פעטער, דער **תולדות אהרן רבי שליט"א**, האט מיר געזאגט איין מאל, אז ער האט געפרעגט ביי כל מיני מקובלים, און איינע פון די זאכן וואס זיי האבן געזאגט פארוואס דער טאטע ז"ל איז אריינגעפאלען למשכב איז געווען וועגן זיינע דרשות.

**אב"ד סעליש:** איך האב געהערט די דרשות, עס איז געווען א אש להבה.

**א' מהנוכחים:** איך געדענק די דרשות וואס ער פלעגט זאגן אין סאטמאר ישיבה (בב"פ) מיט אזא קאך.

**רבינו:** זעהט אויס אז נישט פון יעדענס דרשה דערשרעקט מען זיך אויבן אין הימל. עס זענען דא וואס מען לאזט זיי זאגן...

**א' מהנוכחים:** עס איז דא א בריוו וואס דער **תולדות אהרן רבי זצ"ל** שרייבט, אז דער **נייטרא רב זצ"ל** האט אים געזאגט אויפן רב (**אב"ד תו"א** זצ"ל) אז ער איז 'קדוש מרחם אמו'.

**אב"ד חרדים:** דער טאטע האט מיר געזאגט, אז איינע פון זיינע שווערסטע דרשות איז די שבת שובה דרשה, ווייל מצד אחד דארף מען מעורר זיין דעם עולם, ומצד שני האט מען געדארפט שטארק אכט געבן נישט ארויסצוזאגן קיין שום קיטרוג אויף כלל ישראל. ווי אזוי מאכט מען דאס? עס איז געווען ביי אים זייער שווער, נאר מלמד זכות צו זיין, און מיט דעם אלעם זאל דער עולם נתעורר ווערן.

**אב"ד סעליש:** אין סאטמאר, פלעגט דער רבי זצ"ל זאגן ראש השנה, 'מען דארף נישט אויסרעכענען, יעדער ווייסט ביי זיך'. יום הקדוש האט מען יא געזאגט (עיין **בשמן ראש** ימים נוראים ח"א דף קטז).

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז נישט דא קיין שטן. ביום הכיפורים לית ליה רשותא לאסטוני (יומא כ.).

**אב"ד סעליש:** איינמאל האט זיך דער רבי עפעס פארגעסן, האט ער געגעבן א זאג נאכדעם, 'עס איז יעצט נישט די צייט'. ער האט זיך תיכף צוריקגעכאפט.

## עובדות בענינים שונים

**א' מהמנחמים:** דער רב ז"ל (**אב"ד תו"א זצ"ל**) פלעגט דערציילען א מעשה, איך געדענק נישט די מעשה פונקטליך, איך וויל עס איבערפרעגן. אז דער **פאקשער רב** (**הגה"צ רבי ברוך צבי מאשקאוויטש זצ"ל** בעמ"ס **תנובות ברוך**) איז אמאל געווען באזוכן דעם **סאמבאטהעלער רב**, און ער

האט געזעהן ווי ער זאגט א יישר כח פאר א קינד, צו ער האט געזאגט זיי מוחל. און דער **פאקשער רב** האט פארגעהאלטן דעם טאטן, היתכן מען זאגט א יישר כח פאר א קינד?! פון דעמאלטס און ווייטער, האט דער **סאמבאטהעלער רב** אנגעהויבן צו זאגן יעדעס מאל וואס עס איז אים אינטער געקומען צו באדאנקן א קינד, דער **פאקשער רב** לאזט נישט זאגן יישר כח.

**רבינו:** ער האט זייער ווייניג מאל געהייסען מען זאל אים באדינען, און וואס ער האט געזאגט איז נישט געווען בלשון ציווי, נאר זיי מוחל, איך דארף האבן, אבער נישט גיי ברענג און טוה.

**א' מהמנחמים:** ער האט אויך דערציילט, אז דער **סאמבאטהעלער רב** איז געווען ביים **בעלזא רב** אין פעסט, אויף א יום טוב.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ניין. דער **טאטע ז"ל** איז געווען די אונטערשטע שבת, שבת פרשת שמות.

**א' מהמנחמים:** דער רב (אב"ד תו"א זצ"ל) פלעגט דערציילען עפעס א מעשה, אז מען האט געדארפט אריין ברענגן בארשט און קארטאפל צוזאמען, און דער גבאי האט אויפגעדרייט די סדר, און דער גבאי האט איבעגעדרייט די טעלער.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער **טאטע ז"ל** איז נישט דארט געווען, און איך בין אויך נישט דארט געווען, איך האב נאר געהערט די מעשה. אז דער **בעלזא רב** האט נאר געפירט איין מלוה מלכה ברבים, יעדן מוצאי שבת חול המועד סוכות. אין בעלזא אליין האט ער נאך געפראוועט דעם מלוה מלכה בציבור. עס האט געהייסען די לאכעדיגע מלוה מלכה, אזוי האט מען עס גערופן. עס איז געווען טעמים דערויף. מען פלעגט עסן ביי מלוה מלכה, בארשט מיט קארטאפל. בארשט מיט באלוועס האט מען עס גערופן. און מען פלעגט אריינברענגען אין איין טעלער די בארשט, און אין אן אנדערע טעלער די באלוועס. ווען דער **בעלזא רב** איז געווען דארט אין אונגארן האט מען נישט געוואוסט אזוי פונקטליך די מנהגים, און מען האט אריינגעברענגט אין איין טעלער די בארשט מיט די באלוועס דערינען. ווען מען האט עס געברענגט האט עס אים זייער פארדראסן, און ער האט געזאגט, דער מנהג איז געווען אז מען ברענגט עקסטער בארשט און עקסטער באלוועס, מען ברענגט צוויי. רופט זיך יענער אן, פיין, מען וועט שוין ברענגען עקסטער. זאגט ער, ניין, אז מען האט עס שוין געברענגט זאל מען שוין לאזן. האט זיך געטון א גאנצע טומל, יא עסן, נישט עסן.

איז געווען דארט א גריבענער חסיד, בשעת מען האט זיך מפלפל געווען האט ער איבער געדרייט דעם טעלער מיט די בארשט און די באלוועס, אויפן טיש. דער **בעלזא רב** האט געהאט גרויס הנאה, און ער האט געזאגט, יעצט זאל מען אריינברענגען עקסטער בארשט און עקסטער באלוועס.

**א' מהמנחמים:** ער האט אמאל געזאגט, אז דער **טאטע ז"ל** האט געהאט א גארטל פונעם **בעלזער רב זצ"ל**.

**גאב"ד סערדאהעלי:** יא. אז איר רעדט וועגן דעם גארטל פונעם **בעלזער רב**, איך האב געהערט פון א אלטן יוד, וואס האט געהייסן רבי חיים הערש יאקאבאוויטש, האט ער דערציילט, אז ער האט געוואוינט אין ראצפערט, און מען פלעגט אויף צו רופן **רבי שלום אליעזר'ל** צו די ספר תורה, יעמוד מורה מורינו שלום אליעזר בן מורה מורינו חיים. עס האט געכאפט א ציטער, ווען מען האט געזאגט מורה מורינו חיים, ער האט עס אזוי גוט אראפ געלייגט. האט ער נאך צוגעגעבן [עס ליגט מיר אזוי די ווערטער אין קאפ] אין א שטעקן פונעם **צאנזער רב** ליגט א געוואלדיגע חשיבות. אין א קאפל, נאך מער. און דא רופט מען אויף א קינד פון **צאנזער רב**, א שטיק **צאנזער רב**! ווי קען מען דאס נאך צוגלייכן?! אז א שטעקן זיינער האט א חשיבות, אוודאי א קינד פון **צאנזער רב**.

**רבינו:** די רבי'ס שטעקן איז מען מחשיב, אבער דעם רבי'נס קינד קען מען טשעפענען אויך...

## זכרונות ועניינים, תקיעת שופר אצל הרה"ק מסאטמאר זי"ע, ועוד

**רבינו:** אין די ערשטע יארן פלעגן מיר אסאך צו דאווענען אין סיגוט. מיר זענען געווען שכנים. עס איז געווען דער צענטראלע מנין דארט.

**הגה"צ רבי מנחם מענדל טייטלבוים שליט"א**

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** עס איז נאך געווען פארן איבערבויען.

**רבינו:** דער זיידע (**האדמו"ר בעל ברך משה מסאטמאר** זצ"ל) האט נאך דעמאלטס געוואוינט דא. וועלכע יאר איז דער זיידע אוועק געפארן פון וויליאמסבורג?

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** תשכ"ד, כ"ה. נאך פאר מיין טאטנ'ס חתונה (בשנת תשכ"ו).

**רבינו:** מיר זענען געקומען וואוינען דארט תשכ"ב.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** פון וואו?

**רבינו:** פון בעדפארד עוו. דער טאטע האט געהאט דארט א בית המדרש, און נאכדעם וואס מען האט עס צוווארפען, כדי צו בויען דארט די פראדזשעקט"ס, זענען מיר אריבערגעגאנגען קיין פענן סט.

**א' מהנוכחים:** הייסט אז ער האט געוואוינט נעבן רבי'ן.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער רבי פלעגט אדורכגיין דארט יעדן טאג צוויי מאל, צום בית המדרש און צוריק.

**רבינו:** אסאך מאל צופרי אין מקוה אויך, און נאכדעם צוריק.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** ער פלעגט גיין אין מקוה און נאכדעם אהיים גיין?

**רבינו:** טיילמאל.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** צו גיין יעדן טאג אין מקוה איז געווען א קפידא?

**רבינו:** איך מיין אז ער איז געגאנגען יעדן טאג.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** אין בעלזא איז אויך געווען א קפידא צו גיין יעדן טאג? אין סיגוט איז מען נישט געגאנגען יעדן טאג.

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז געדרוקט א פתיחה פונעם **סערדאהעלער זיידע** (זמן החורף תרצ"ו לפ"ק), ער זאגט דארט אז ער בעהט די בחורים זאלן גיין מאנטאג און דאנערשטאג אין מקוה, עפעס אזא לשון זאגט ער, איך פארלאנג נישט מען זאל גיין יעדן טאג, אבער מאנטאג און דאנערשטאג זאל מען גיין[א].

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** איך האב געהערט מיט אפאר אלטע פוילישע יודען, איינער פון קראקא, האבן זיי אויך געזאגט, אז מען פלעגט נישט גיין יעדן טאג. מאנטאג און דאנערשטאג האט מען מקפיד געווען צו גיין.

**רבינו:** אמאל איז געווען קאלטע מקוואות. אפילו מאנטאג און דאנערשטאג וואס מען איז יא געגאנגען, איז מען אויך געגאנגען אין א קאלטע מקוה.

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך בין איינמאל געווען מיט מיין טאטן ז"ל ביים זיידן אויף א שלום זכר ביי איינע פון די קינדער. פרייטאג צו נאכטס פרשת ויגש, טבת תש"י י"א. עס איז געווען ביי אים אין שטוב אויף היוז סט.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** וויפיל יאר איז דער טאטע (**הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**) געווען בעל תוקע, נאך פון גאנץ אנפאנג שוין?

**רבינו:** פון תש"ט ביז תשכ"ט (ואחר כך הגיע לתקוע רק לפרקים, עיין לעיל בשיחה עם **הרה"ג אב"ד סיגוט שליט"א** פרטי הדברים).

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** ער האט קודם געדאווענט ביי זיך?

**רבינו:** די ערשטע יאר האט ער געדאווענט אין סאטמאר, ער האט נאכנישט געהאט א בית המדרש. און די צווייטע יאר האט ער שוין געדאווענט ביי זיך, נאר ער איז אריבער געגאנגען הערן דאס דאווענען. איז געקומען ר' יאסל (אשכנזי, משב"ק) און געזאגט, אז דער רבי איז אים מכבד ער זאל ווייטער בלאזן שופר. האט ער געזאגט, ער זאל זאגן פארן רבי'ן, אז ער האט שוין געדאווענט. האט דער רבי געזאגט, אף על פי כן.

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך בין געווען מיטן טאטן ז"ל ביים רבי'ן עשרת ימי תשובה (אפשר תש"ל אדער דערנעבן), און דער רבי האט געפרעגט דעם

---

[א] נדפס **בקובץ זרע יעקב** (מרכז הכוללים דשיכון סקווירא, קובץ כה) מכת"י תלמידו הר"ר גרשון משה שטערן ז"ל מעיר פרעשבורג יצ"ו, וזה תוכן דבריו: אמנם יש עוד הכנה אל התפלה, והוא הטבילה במקוה טהרה, והוא ענין גדול... וגם לתפלה הטבילה מסוגל מאוד, ומביא טהרת הנפש. ואשרי מי שיכול לילך בכל יום לטבול במקוה. אבל מי שסובר שאינו יכול לילך בכל יום, על כל פנים ד' פעמים בשבוע, דהיינו ביום ב', וה', ערב שבת קודש, ושבת קודש, הוא חוב קדוש על כל אחד לילך במקוה ע"ש.

טאטן, פארוואס ער איז נישט געקומען ראש השנה צו זיין בעל תוקע. האט דער טאטע געזאגט, אז ער איז נישט געווען אזוי בכח. זאגט דער רבי, ברויך מען א שוואכערען בעל כח פון מיר? און מען איז זיך מחזק.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** ער פלעגט נאך אנקומען אין סאטמאר צו די ברכות?

**רבינו:** ניין.

**גאב"ד סערדאהעלי:** אויך איז א אינטערעסאנטע זאך, אז די רבי פלעגט אים ווייזן אזוי צו אזוי. צו ער זאל בלאזן ביי שברים תרועה בנשימה אחת, צו נישט. זעהט זיך אויס, אז דער רבי אליינס האט נישט געקענט שטענדיג מאכן אויף איין וועג, ווי אזוי ער האט געמאכט, האט ער געהייסען דעם טאטן אז ער זאל מאכן די אנדערע וועג.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** הייסט עס אז נישט אלעמאל איז געווען אייניג.

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך שטעל מיך פאר אז עס איז נישט געווען אלעמאל אייניג ביי אים, ממילא האט ער געוויזן ווי אזוי צו מאכן. טאמער ער האט געמאכט בנשימה אחת, האט ער געוויזן מען זאל מאכן צוויי נשימות, און טאמער ער האט געמאכט צוויי, האט ער געוויזען מען זאל מאכן איינס (עיין בשו"ע או"ח סימן תק"צ סעיף ד' ובנו"כ שם).

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** איך האב גרויס הנאה אז איך הער עס יעצט, ווייל אין **מחזור דברי יואל** שטייט, אז דער רבי האט געמאכט בנשימה אחת, און ער האט געהייסען מאכן ביי די תקיעות דמעומד בשתי נשימות. און איך האב אמאל גערעדט מיט מיין זיידע, דער **ברך משה**, איבער דעם, האט ער מיר געזאגט, אזוי ווי עס שטייט דא, איז זיכער נישט אמת. בין איך נאכגעגאנגען דער וואס האט עס געשריבן, האט ער מיר געזאגט עפעס א הסבר פארוואס ער זאגט אזוי. אבער על כל פנים יעצט הער איך דעם מקור, און עס איז אינגאנצן אנדערש פון וואס עס שטייט דארט.

ווען מען האט אים מכבד געווען די ערשטע מאל, האט ער געהאט א קיטל?

**רבינו:** מן הסתם האט ער זיך אנגעטון.

**א' מהנוכחים:** פון ווען מען האט אים געהייסן ביז מען האט גענדארפט בלאזן, האט מען נאך געקענט אהיימגיין, און זיך אנטון א קיטל, און צוריק קומען.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** ביי ענק איז דער מנהג אז די רבנים ליינען די קריאה פון ראש השנה?

**רבינו:** דער טאטע ז"ל האט געליינט.

**א' מהנוכחים:** ער האט געליינט א גאנץ יאר אויך, צו נאר די הייליגע טעג?

**רבינו:** נאר די הייליגע טעג.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** ער האט געליינט מיט א קיטל, צו אן א קיטל?

**רבינו:** ער איז געגאנגען מיט א קיטל א גאנצן טאג.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ער האט דאך געבלאזן, און געדאוונט מוספים, האט ער שוין אנגעטון צופרי, שוין פון שחרית.

**רבינו:** ביי די אשכנזים איז מען דאך ממילא געגאנגען מיט א קיטל.

**אב"ד חרדים:** דער פעטער (גאב"ד סערדאהעלי) האט געזאגט, אז דער זיידע, אפילו ער האט שוין געהאלטן נאכן דאווענען, האט ער נישט געגעסן ביז נאךביידע תקיעות, ווייל ער האט געוואלט אזוי מוציא זיין דעם עולם.

**רבינו:** לכבוד דעם האט מען שוין געדאווענט ביי אונז גאנץ פרי, שוין זעקס דרייסיג, כדי אז צוויי אזייגער זאל מען קענען ענדיגען דאס דאווענען.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** אויב מען האט געענדיגט צוויי אזייגער, איז מען נאך אנגעקומען צו די ברכות.

**רבינו:** ווי אמאל.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** ווען דער רבי איז אריינגעקומען, האט ער קודם געגעבן די דרשה, נאכדעם האט ער געליינט, הערשט נאכדעם איז געווען די תקיעות.

**רבינו:** דער טאטע האט שוין געהאלטן נאך א דרשה, און נאך אייגענע תקיעות, און נאכן דאווענען מוסף.

**א' מהנוכחים:** ביי זיך האט ער אויך געבלאזן ביי די תקיעות דמעומד?

**גאב"ד סערדאהעלי:** חוץ ביי די הויכע שמונה עשרה. שטילע שמונה עשרה האט ער יא אליינס געבלאזן.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** עס איז דא א מעשה פונעם **דברי חיים זי"ע**, אז ער האט אמאל געזאגט

פאר איינעם, אז צו בלאזן די תקיעות אינמיטן שמונה עשרה, דארף מען האבן מסירת נפש. יענער איז געווען א רב אין א אשכנז'ישע קהלה, איז ער געגאנגען און ער האט געבלאזן די תקיעות ביי די שטילע שמונה עשרה. און דער עולם האט זיך נישט גערישט דערויף. די אנדערע יאר איז געגאנגען דער ראש הקהל, און ער האט באהאלטן אלע שופרות. ער האט דאך אבער געוויסט, האט ער אויך באהאלטן א שופר אין טאש, און ער האט געבלאזן. האט דער ראש הקהל געזאגט, איך זעה אז ער מיינט עס ערנסט.
**גאב"ד סערדאהעלי:** אין **תולדות קול אריה** שטייט, אז דער **קול אריה** האט געבלאזן בלחש, האט דער ראש הקהל געזאגט נישט קיין שיין לשון, אז די תקיעות פון לחש האבן געהאט אזא טעם ווי קאלטע קריסטיר. פורים צייט איז דער יוד קראנק געווארן אויף א מיחוש, ער האט נישט געקענט ארויסגיין, און חיים שבק לכל ישראל, וויבאלד ער האט געזאגט א זלזול'דיגע ווארט אזוי.
**רבינו:** דער **קול אריה** האט געזאגט, היינו טעמא דשופר היינט טעמא דמגילה (שמת ביום הפורים).
**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** דער **קול אריה** האט נישט געדאווענט פארן עמוד?
**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז געווען א קהלה מיט חזנים. ער האט דאך געהאט צו טון מיט א חזן טאקע (עיין **בתולדות קול אריה** בארוכה).

## בענין מצוות הפרשת חלה

**הרה"ג רבי שלמה זלמן אונסדארפער שליט"א אב"ד זלאזיץ פתח תקוה** (אחר שדנו בענין הפרשת חלה): מען נוצט היינט דעם ענין פון הפרשת חלה אויף סגולות, נישט נאר ערב שבת, אפילו סתם אינמיטן די וואך, מען נעמט א שטיקל טייג, און מען איז מפריש חלה.
**גאב"ד סערדאהעלי:** היינט איז שוין דא ווייניג וואס זענען מקיים די מצוה. עס איז דא איינער ממונה אין די בעקערי, אמאל אפילו א גוי, און ער איז מזכה די גאנצע שטאט, גע'פטר'ט פון די מצוה. - אויסזאלצן פלייש, איז נאר דא א מיעוטא דמיעוטא וואס טוען עס נאך היינט. אפילו רבי מאיר וואס איז חייש למיעוטא, איז נישט חייש צו זיי. באקן חלות איז נאך יא עפעס געבליבן.
**א' מהמנחמים:** היינט דרוקט מען שוין נישט אין די קרבן מנחה סידורים, די הלכות פון אויסזאלצן.
**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז נישט דא פארוועם, ווייל קיינער זאלצט נישט. און פאר דעם סטאר קופער איז עס אויך נישט נוגע, ער ווייסט שוין וואס צו טון. עס איז אים נישט נוגע וואס עס שטייט דארט אין די קליינע אותיות, ער ווייסט בעסער...
**א' מהמנחמים:** היינט איז שוין דא אסאך פלעצער וואס מען זאלצט מיט א מאשין.
**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז דא פלעצער ווי א גוי, א שווארצער, איז ממונה, ער נעמט חלה. און דערנאך שטייט אויף אלע באקסעס מצה, 'פון יעדע מיירע איז גענומען חלה'. איך האב אליין געזעהן, אמאליגע צייטן, אין די איסט סייד, ביי שטרייטס מצות, עס איז געווען אזוי ווי א גלאזערנע גרויסע פענסטער, מען האט געקענט זעהן ווי אזוי עס פארט די מצה אין די מאשין, איז געשטאנען דארט א שווארצער, און פון יעדע מיירע האט ער אראפ געריסן א שטיקל, און אוועק געלייגט. ער האט מקיים געווען ערליך מצות חלה...
**רבינו:** ער האט עס מן הסתם געלייגט אין די זייט, און א יוד האט עס מפריש געווען נאכדעם.
**גאב"ד סערדאהעלי:** קען זיין, א לימוד זכות.
**רבינו:** עס האט דאך געהאט א הכשר פון א רב.
**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז דא א שיינע מעשה פון **רבי יונתן שטייף זצ"ל**, עס איז געווען עפעס א זאך, און דער **סאטמארער רב זצ"ל** האט געזאגט קעגן א ענין וואס רבי יונתן האט געזאגט אז עס איז יא גוט. האט אים איינער געפרעגט, רבי יונתן איז נישט באגלייבט ביים רבי'ן? דער **סאטמארער רב** איז געווען א קלוגער יוד, זאגט ער, 'רבי יונתן איז ביי מיר באגלייבט. נאר די וואס זענען באגלייבט ביי אים, די זענען נישט באגלייבט ביי מיר'.

## בשבח מקום הנופש פאלם ספרינגס

**רבינו** (היצג את הר"ר **הערשל שפיץ** הי"ו בעל האכסניא בפאלם ספרינגס): ער האט א דירה אין פאלם

ספרינגס, און ער גיט עס מיר איבער יעדן ווינטער.

**גאב"ד סערדאהעלי:** המארח תלמיד חכם בתוך ביתו באקומט ער א ברכה (ברכות סג:). תיכף לתלמיד חכם ברכה (שם מב.).

**רבינו:** ער האט שוין געהאט אסאך גוטע יודען דארט.

**הר"ר הערשל:** אונז האלט מיר עס פאר א גרויסען זכות, אז מיר האבן דעם זכות, אז דער רב קען זיין ביי אונז ב"ה. עס איז ביי אונז א געוואלדיגע חשיבות.

**גאב"ד סערדאהעלי:** לויט דעם איז די ברכה. נישט אז מען גיט אוועק, נאר אז מען האלט עס פאר א חשיבות.

**הר"ר הערשל:** עס איז ביי אונז די חשוב'סטע צייט פון יאר, ווען מיר ווייסען אז מיר האבן די זכיה אז דער רב איז דארט.

**רבינו:** עס איז ביי מיר אויך די חשוב'סטע צייט. קיינער שטערט נישט דעמאלטס.

**רבינו** (פנה לאחיו **גאב"ד סערדאהעלי**): מעגסט עס פראבירן אמאל.

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך האב דאך נישט אזעלכע חשובע בעלי בתים.

**רבינו:** איך קען פועל'ן אז מען זאל עס אוועקגעבן...

**הר"ר הערשל:** דער רב האט ביי אונז פראטעקציע... עס איז ב"ה א אפגעהיטן פלאץ.

**רבינו:** דער **סאטמארער רב** (ק"י) שטייט אויך איין דארט אין די דירה. דער **וויזשניצער רבי זצ"ל** פון מאנסי איז אויך איינגעשטאנען דארט.

**הר"ר הערשל:** ער איז געווען דארט צוויי וואכען. ער האט מיר געזאגט דעמאלטס, נאכדעם וואס ער איז צוריקגעקומען, 'איך וועל אייך זאגען, איך האב נאך אין מיין לעבן אזאנס נישט געהאט'. ער האט עס איבערגעזאגט דריי מאל. 'איך האב געקענט זיצען דארט במנוחה, און גיין שפאצירן'. איך בין געווען ביי אים פאריאר, האט ער מיר געזאגט, 'איך בין איינגעשטאנען ביי דיר אין דעזערט, דו האסט אפילו נישט גערעכנט קיין געלט פאר מיר'. און ער האט מיר געפרעגט, 'דו האסט נאך דאס הויז? האב איך אים געזאגט, 'יא. האט ער מיר געזאגט, 'אשריך, עס איז א אפגעהיטן פלאץ'. איך האב אים געזאגט אז עס ווערט נתרבה לעצטענס מער און מער יונגעלייט. האט ער געזאגט, אהין מעג מען פארן. מען קען זאגן עס איז א הייליג מקום.

**רבינו:** מען זעהט כמעט נישט קיין מענטש אויף די גאס. יעדע הויז האט א סווימינג פאל, און קיין איינס איז נישט אינדרויסן, אלע זענען אונטער די הויז, אין א גדר. יעדע גדר איז פארמאכט אז מען קען נישט אריינקוקן.

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז נישט קיין קלייניגקייט, ווייל דער היינטיגער **וויזשניצער רבי פון ארץ ישראל, רבי אליעזר וועלוול שליט"א**, האט מיר דערציילט, אז דער פאטער איז אמאל געפארן זיך אפרוען צו איינעם אין א דירה נעבן די וואסער. און עס איז געווען אלעס צוגעשטעלט על צד היותר טוב, און ער איז געפארען און מיטגענומען פיל מיט פעקלעך. מען איז אנגעקומען דארט פארנאכטס, און מען האט אויסגעפאקט אלע זאכן. איינס צוויי אזייגער ביינאכט רופט ער אים אן, אז ער זאל שוין קומען, ער וויל שוין אהיימגיין. זאגט ער אים, טאטע אפשר זאל מען נאך אויסווארטען די נאכט. זאגט ער ניין, איך וויל שוין אהיימפארן. עס איז נישט געווען קיין חכמות, מען האט נישט געהאט קיין ברירה, מען האט גענומען א קאר, מען האט אלעס צוריק איינגעפאקט פעק און פעקלעך, און מען איז אהיימגעפארן. ווען מען איז אהיימגעקומען, האט ער געזאגט, אהה דא איז גוט. - אז ער האט געזאגט אז דארט איז א גוט פלאץ, און ער איז דארט געווען צוויי וואכען, איז עס נישט אזוי פשוט.

**הר"ר הערשל:** ער איז געגאנגען שפאצירען דארט אויף די גאס, האט ער געזאגט דעמאלטס פארן זון, דער היינטיגער **וויזניצער רבי פון מאנסי**, 'מען קען דא בעסער שפאצירן אויף די גאס, ווי אין מאנסי'.

**רבינו:** דער **קארלסבורגער רב, רבי יחזקאל ראטה שליט"א**, זאגט, אז דער אייבערשטער האט געוואלט געבן א פלאץ וואו יודען זאלן קענען גיין זיך אפרוען, האט ער אהערגעשטעלט אזא מקום.

**הר"ר הערשל:** ער האט אמאל געזאגט ביי שלש סעודות, אין שום ספק אצלי, אז משש ימי בראשית האט דער אייבערשטער געוואלט

מאכן א דערפל ווי ערליכע יודען זאלן זיך קענען אפרוען, האט ער געשטעלט די דערפל אז מען זאל קענען דא קומען זיך אפרוען.

## תלמידי חכמים בשנות זקנותם

**אב"ד תו"א ומסב"ג:** די זיידע (**הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל**) האט אסאך מחזק געווען די משפחה, ער האט זיך שטענדיג נאכגעפרעגט אויפן טאטענ'ס געזונט.

**אב"ד סאטמאר מאנסי:** דער טאטע (**אב"ד תו"א זצ"ל**) האט אסאך מחזק געווען יודישע קינדער אין עבודת התפלה. - מען האט א שייכות פונדערהיים פון סערדאהעלי[ב].

**רבינו:** ער פלעגט צו זאגן, אז אויף שלש סעודות פלעגט ער צו קומען צום זיידן (**הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל**).

איך זאג אלץ נאך, אז איך בין אמאל געווען ביים זיידן דער **שבט הלוי**, און אינמיטן שמועס פרעגט ער מיך, ווי אלט זענט איר? זאג איך אים, עטליכע און זעכציג. זאגט ער מיך, איך בין שוין א אלטער יוד, איך וועל אייך זאגן. ביי א תלמיד חכם זענען די יארן, די שענסטע יארן אין זיין לעבן! מען האט שוין נישט די אלע גשמיות'דיגע זאכן וואס מען האט געהאט פון פריער. מען האט שוין נישט קיין עול פון קינדער, און מען האט דאך געלערנט אלע יארן ביז יעצט. זאגט ער, מען קען זיצן און לערנען רואיג מיט הרחבת הדעת. עס איז די שענסטע יארן וואס מען האט אין לעבן.

**אב"ד סאטמאר מאנסי:** זקני תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים חכמה נתוספת בהן (שבת קנב.). א בעל בית ריטייער"ט שוין דעמאלטס, ער האט שוין נישט וואס צו טון.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער אייבערשטער דארף געבן די מעגליכקייט, אויב מען איז געזונט.

**רבינו:** ביי אים האט מען געזעהן דעם כל זמן שמזקינים, ער איז געווען פריש ביז צום סוף.

**אב"ד סאטמאר מאנסי:** די גמרא זאגט אין מסכת שבת, חכמה נתוספת, און די משנה (קנים ג-ו) זאגט, דעתם מתיישבת עליהם. ביי אים איז געווען ביידע.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער **אור החיים הק'** זאגט מפורש (בריש פ' ויחי) אז עס ווערט שוואכער. ער איז טאקע דאס מדקדק, אז עס איז מתיישב מער, אבער עס איז נישט דער כח וואס מען האט געהאט.

איך האב געהערט פונעם **קאשוי'ער רב זצ"ל**, אז דער **נודע ביהודה** האט אמאל געזאגט, אז ער איז נישט בכח צו קריגן אויף א תשובה וואס ער האט געשריבן אין די יונגע יארן. מיטן זיין שפעטער דער רבן של כל בני הגולה, איז ער נישט בכח צו קריגן אויף א תשובה וואס ער האט געשריבן אין די יונגע יארן. עס איז שוין נישט דאס.

**אב"ד סאטמאר מאנסי:** אפילו א זאך וואס ער האט אליין מברר געווען.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער **דברי חיים** שרייבט אין צענדליגער תשובות, איך בין שוין יעצט לעת זקנתי, ער שרייבט נאך אלץ אפ א תשובה, אבער איך האב מורא.

**אב"ד סאטמאר מאנסי:** ביי אלע גדולי ישראל איז סוף ימיהם שוין געווען קורצע תשובות.

איך בין געווען ביים זיידן צוויי און א האלב חדשים פאר די פטירה, און ער האט געהארעוועט אויף מסכת ברכות. און ער האט זיך אפגערעדט פאר מיר, אז ער האט נישט קיין כח צו גיין אין ישיבה מרביץ תורה זיין. ער איז געווען הונדערט און איין יאר, און עס האט אים געבאדערט אז ער קען נישט פארלערנען קיין שיעורים. איך האב אים בארואיגט, אז מען לערנט זיינע ספרים, שבט הלוי, אבער ער האט געוואלט גיין אין ישיבה פארלערנען. דאס איז געווען כל מגמות חייו.

## מנהגים בעניני אבילות

**א' מהנוכחים** (לאחר שעברו ילדי הת"ת בב"פ לנחם): קטנים זענען נישט מחויב במצוות, איך ווייס

---

[ב] מוה"ר בנימין זאב וואזנער ז"ל אבי אביו של **הגר"ש וואזנער זצ"ל** היה דר בעיר סערדאהעלי יצ"ו, וגם שימש כראש הקהל בעיר, בקהילתו של האב"ד **הגה"צ רבי הלל וויינבערגער זצ"ל**, **והגר"ש זצ"ל** הגיע הרבה פעמים לשהות אצל זקינו הנ"ל. וסיפר **לרבינו שליט"א** תחת אחד השיחים שבימי שהותו בסערדאהעלי התידד הרבה עם **הגאון בעל ויגד משה זצ"ל** שהיה חכם השלם בכל המעלות שמנו חכמים.

נישט צו אויף אזא מצוה דארף מען מחנך זיין שיעשה כשיגדל, מען האפט דאך אז משיח וועט קומען, און עס וועט נישט זיין.

**גאב"ד סערדאהעלי:** די תפלה פון א קטן העלפט אויך, עס איז הבל שאין בו חטא. עס מאכט א גרעסערע רושם ווי ווען א אנדערער זאגט עס.

**א' מהנוכחים:** עס איז אויך א טובה פאר די נשמה.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ניחום אבלים איז לחיים ולמתים (רמב"ם הל' אבל פרק יד).

*

**רבינו:** אמאל פלעגט מען צו ווארפען תשעה באב אזעלכע באבקע"ס. די אבלות איז געווען אזוי גרויס, אז מען האט עס געדארפט אביסל מפכח זיין.

**א' מהמנחמים:** אין לובלין איז געווען זייער שטארק די ענין פון שמחה. אין ספר **מזקנים אתבונן** ברענגט ער, אז דער **ראדאשיצער** איז אמאל געקומען אויף א פלאץ, און עס איז געווען דארט א זייגער וואס קלינגט מיט א גלאק יעדע שעה, האט ער געפרעגט וועמענס דאס איז? האט מען געענטפערט, אז דאס איז פונעם **רבי'ן פון לובלין**. האט מען אים געפרעגט, פארוואס ער פרעגט? האט ער געזאגט, ווייל יעדע גלאק איז מעורר אויף מרה שחורה, נאך א שעה נענטער צום מיתה, אבער דער רבי פון לובלין'ס זייגער האט געקלינגען, אז עס איז נאך א שעה נענטער צו ביאת המשיח, ער האט געהערט פון דעם גלאק א שמחה.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** פלעגט אסאך מאל נאכזאגן פונעם **רבי'ן פון לובלין** 'אז יאמרו בגוים הגדיל ה' לעשות עמנו' (תהלים קכו-ב), אז די סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט אזויפיל גוטס געטון מיט זיי, ווייל 'היינו שמחים', ווייל מיר זענען געווען בשמחה, וועגן דעם איז הגדיל ה' לעשות עמנו.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** עס שטייט פונעם **כתב סופר** (החדש דף רי"ב), אז משמח צו זיין איינעם וואס האט נישט קיין סאך, איז נישט אזוי שווער, מיט א קלייניגקייט ווערט ער בשמחה. זאגט דוד המלך, אז די אומות העולם וועלן זאגן, 'הגדיל ה' לעשות עם אלה', דער באשעפער האט זיי געגעבן אזויפיל גוטס, אז אפילו 'הגדיל ה' לעשות עמנו', ער וואלט אונז געגעבן די גרויסקייט, וואס מיר האבן דאך מכל טוב, 'היינו שמחים', וואלטן מיר אויך געווען בשמחה.

**הרה"ג רבי אברהם ברוך זינגער שליט"א אב"ד אלכסנדר:** איך האב אמאל געהערט פונעם רב ביי א ניחום אבלים, אז דער רב האט געהערט פון א אלכסנדר חסיד, אז וועגן דעם האט מען געדארפט מאכן א מצוה פון אבלות, עס איז דאך א מציאות אז א מענטש איז טרויעריג. האט ער געזאגט, אז עס איז דא אמאל א מענטש וואס האט ל"ע פארלוירן א נאנטן, און ער וואלט נישט געקענט אויסהאלטן די צער, האט מען געמאכט א מצוה, און פיקודי ה' ישרים משמחי לב (תהלים יט-ט), אשר יעשה אותה האדם וחי בהם (ויקרא יח-ה), די מצוה גיט חיות.

**רבינו:** איך מיין אז עס איז געדריקט אין **ישמח ישראל** (בסופו, מאורן של ישראל נ"ך-תהלים).

**א' מהנוכחים:** עס איז דא א רש"י אין סוכה (כה.), א עס איז נישט א מצוה צו זיין בצער, נאר צו 'ווייזען' אז מען איז בצער. עס פטר'ט נישט פון מצות אלץ טירדא.

**אב"ד אלכסנדר:** דער **אבני נזר** האט עס צוגעשטעלט צו א ווארט פונעם **רבי פון לובלין**, אב"ל איז די ראשי תיבות א'יך ב'ין ל'וסטיג. האט ער צוגעשטעלט יענע רש"י. דער אמת איז, אז עס איז א מדרש אין איכה (פתיחתא ז), אנו ואבלו (ישעיה ג-כו), זאגט דער מדרש, אנינה מבפנים, ואבילה מבחוץ.

---

**עובדות וענינים מהגאוה"ק מצאנז קלויזענבורג, תולדות אהרן, ריבניץ זצ"ל, ועוד**

---

**רבינו:** איר האט געקענט דעם ברודער געזנטערהייט?

**הגה"צ רבי שאול יודא פריזאנט שליט"א גאב"ד צאנז-זוועהיל:** איך האב אים עטליכע מאל געהערט רעדן אין קאנטרי, אין טריי סטאר, און אין טווין אוקס. ער פלעגט אויך צו קומען צו די חומש רש"י'ס (אצל חותנו **הגה"ק מצאנז קלויזענבורג** זצ"ל). ער האט אסאך יודען אויפגעהויבן צו עבודת ה'. ער פלעגט צו מאנען, אויף א אופן וואס מען האט עס מקבל געווען.

**רבינו:** ער איז געווען נאה דורש ונאה מקיים.

**גאב"ד צאנז-זוועהיל:** ביים שווער ז"ל איז געווען ניין יאר וואס ער איז נעבעך געווען אזוי. עס איז געגאנגען בהדרגה. פון די אנדערע זייט איז דאך די נשמה אן די גוף, עס איז א העכערע דרגה. לעתיד וועט דאך יעדער זיין אזוי.

**א' מהנוכחים:** דער **סלאנימער רבי** (בעל **ברכת אברהם**), ווען עס איז אים געבוירן געווארן די ערשטע דור חמישי, איז אריין צו אים א יוד, און ער האט אים געזאגט, אז עס שטייט, אז דער וואס איז זוכה צו זעהן דור חמישי אינו רואה פני גיהנם. האט ער זיך צו וויינט און ער האט געזאגט, 'א יוד האפט שוין צוצוקומען צום גיהנם, נאך גיהנם גיט מען זיך שוין א עצה. אבער גיהנם אויך נישט, ווער ווייסט וואו מען וועט מיר פארווארפען'.

**רבינו:** איך בין איינמאל געווען אין קרית צאנז ביים שווער (הגה"ק מצאנז-קלויזענבורג זצ"ל) ווען ער איז שוין נישט געווען געזונט, און איך האב עד היום חרטה פארוואס איך בין געווען. עס האט מיר אזוי וויי געטון אים צו זעהן אין אזא מצב.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** דער טאטע ז"ל פלעגט פארציילען ווי אזוי ער האט אמאל מיטגעהאלטן שלש עשרה מדות, פון אינדערפרי ביז תשליך. ווי אזוי עס האט אויסגעזעהן דאס דאווענען, ווי אזוי ער פלעגט זיך אויסרעדן מיטן אייבערשטען. ווי אזוי ער האט געזאגט די ויהי רחום, ער פלעגט רעדן מיט אזא בענקשאפט.

**רבינו:** ער האט נישט געזאגט קיין תחנון, נאר אין די עשרת ימי תשובה. עטץ ווייסטס א טעם פארוואס ער האט נישט געזאגט קיין תחנון א גאנץ יאר.

**גאב"ד צאנז-זוועהיל:** מן הסתם האט ער עס נישט געקענט דערהייבן, און ביי חסידים האט מען דאך אביסל מקיל געווען.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** מיין זיידע, דער **תולדות אהרן רבי זצ"ל**, האט אים געשיקט אז ער זאל אהינגיין, ער וועט הנאה האבן. און נאכדעם זאל ער אים דערציילען וואס ער האט געזעהן.

**רבינו:** איך בין אמאל געווען שבת אין יוניאן סיטי, און עס איז געקומען א יוד פון ירושלים, פון תולדות אהרן, וואס איז אויך דארט געווען אויף שבת. שבת ווען מיר האבן אזוי געשמועסט, זאג איך פאר דעם יוד, מן הסתם האסטו זיך נישט געזעגנט פון דיין רבי, ווען דו ביסט געקומען. זאגט ער מיר, ניין, איר האט א טעות. איך האב זיך געזעגנט, און איך האב אים געזאגט אז איך קום אויף שבת צו פארן. ווען איך בין אוועקגעפארן האט ער מיר געזאגט, דו טוסט גוט אז דו פארסט, אין פופציג יאר ארום וועט יעדער מודה זיין אז ער איז געווען א צדיק אמת. - עס האט נישט געדארפט נעמען קיין פופציג יאר.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** דער טאטע פלעגט דערציילען א מעשה פלא, ווי אזוי דער זיידע האט זיך געטראפן מיטן **קלויזענבורגער רב** דאס ערשטע מאל. דער זיידע האט געזאגט פארן טאטען, איך וואלט געהאט שטארק חשק זיך צו טרעפן מיטן **קלויזענבורגער רב**, איך טראכט ווי אזוי קען אזא זאך צושטאנד קומען. איך טראכט, ווען עס וואלט ווען געווען אזא זאך אז איינער זאל מיך מכבד זיין מיט מוהלות, און אים מיט סנדקאות, וואלט געקענט זיין פונקט גוט, אז מיר זאלן זיך צוזאמקומען. יענע וואך איז א יוד פון תולדות אהרן אריין צום זיידן מכבד זיין מיט מוהלות. און דער זיידע פרעגט אים וואו גייסטו עס מאכן, וועם ביסטו מכבד מיט סנדקאות. זאגט ער, איך וויל עס געבן פארן **קלויזענבורגער רב**. ער האט זיך אזוי געפריידט. רצון יראיו יעשה.

**הר"ר ישראל יוסף שטערן:** מיין שוואגער האט איינמאל מכבד געווען דעם **ריבניצער רבי** מיט סנדקאות, האט ער אים געזאגט, גיב דאס קינד צו האלטן פאר א צווייטען, איך בין א מוהל, וכך הוה.

**רבינו:** עס האט דערציילט דא נעכטן א יוד, אז ער האט מכבד געווען דעם **ריבניצער רבי** מיט סנדקאות, און ער האט מכבד געווען מיין טאטע צו זיין מוהל, און ווען דער **ריבניצער רבי** זעצט זיך אראפ אזוי צו סנדקאות, פרעגט ער מיין טאטען, אפשר גיט איר מיר איבער מוהל'שאפט אויך? און דער בעל ברית איז געשטאנען אונטערן רוקן, און ער האט געוויזן אז ער איז נישט מסכים. יענער האט מורא געהאט.

**רי"י שטערן:** ביים נעקסטן קינד האט דער **ריבניצער רבי** געבעטן מוהלות, אבער אזוי ווי די

ברית איז געווען חול המועד, און דער **סאטמארער רב, בעל דברי יואל זי"ע**, איז געווען סנדק, און דער **ריבניצער רבי** פלעגט נישט צו פארן חול המועד, אזוי ווי יום טוב, ממילא איז עס נישט צושטאנד געקומען.

**רבינו:** מען זאגט נאך פונעם **סאטמארער רב**, אז ער איז געווען אמאל אויף א ברית צוזאמען מיטן **ריבניצער רבי**, און דער **סאטמארער רב** איז געווען סנדק, און ער איז געווען מוהל, און ער האט געזעהן ווי אזוי ער מוטשעט זיך מיטן ברית, פרעגט אים דער **סאטמארער רב**, איר זענט א מוהל? איך בין אויך נישט קיין מוהל. מען קען זיין א רבי, און נישט זיין א מוהל אויך.

**הרה"ג רבי יואל משה מרדכי:** איך האב געהערט פונעם סיגעיט'ער רב זון, אז ער פלעגט גיין אראפנעמען די בענדעזש פון דעם ריבניצער'ס ברית'ן, און אלע קינדער זענען געווען פאראייילט, כאילו זיי זענען געווען נולד מהול.

**גאב"ד צאנז-זוועהיל:** ער איז געווען אמאל מוהל ביי א ברית אין יוניאן סיטי, און דער שווער זצ"ל האט אים געבעטן אז ער זאל זיך וואשן צו די סעודה, און ער האט נישט געוואלט. ער פלעגט פאסטן. און זיי האבן זיך ממש צו אמפערט, פארוואס ער וואשט זיך נישט. ביז ער האט זיך ארויסגעכאפט, אז איינמאל אין רוסלאנד האט ער זיך יא געוואשן, און יענעם טאג זענען פערציג יודען אומגעקומען. דער שווער האט זיך דערשראקן, און ער האט אים אפגעלאזט.

*

**גאב"ד צאנז-זוועהיל:** אז א ערליכער יוד איז אויף די וועלט אפילו אין אזא מצב, דער עולם האט נישט ארויס וואס דאס מיינט, אז זיין זכות איז מגין, די גמרא (ירושלמי סוטה ג-ד) זאגט, אין הדור יתום אז דער איז שרוי בתוכה.

**רבינו:** איך האב געזאגט ביים הספד, אז די גמרא (בבא מציעא פד:) פארציילט אויף רבי אלעזר בן רבי שמעון, אז ווען ער איז נסתלק געווארן, האט ער געזאגט, אפשר וועט מען נישט נוהג כבוד זיין אין מיר ווי עס דארף צו זיין, אז מען זאל נישט מודיע זיין אז ער איז אוועק, מען זאל אים אוועקלייגען אויפן בוידעם. און ער איז געלעגן דארט צווישן אכצן און צוויי און צוואנציג יאר, און די אלע יארן איז א חיה רעה נישט אריינגעקומען אין די שטאט. - איז משמע אז ווען מען האט אים מקבר געווען, האט זיך עס אויפגעהערט. אפילו ער איז שוין נפטר געווארן, אבער וויבאלד ער איז נאך אינדרויסן אויף דעם עולם, האט ער מגין געווען אויף די שטאט. און כל שכן ווען ער לעבט נאך, אפילו ער קען גארנישט טון, איז ער מגין, ווייל דער כח הקדושה בלייבט.

**רי"י שטערן:** איך האב געהערט פונעם **רב זצ"ל** (בעל **עזר מיהודה**) אז עס שטייט אין די גמרא (עירובין סג.) לא מתו בניו של אהרן אלא על שהורו הלכה בפני משה רבן. האט ער געזאגט, אז באמת איז זיך זיי שוין געקומען מיתה פאר דעם, נאר וואס דען, משה רבינו האט געזאגט, בני הם, זיי זענען מיינע קינדער. אזוי ווי עס שטייט טאקע, ואלה תולדות אהרן ומשה וגו' נדב ואביהוא (במדבר ג-א), און די גמרא (סנהדרין יט:) דרשנ'ט כל המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו, ממילא לאז אפ מיינע קינדער. האט דער אייבערשטער געזאגט פיין. אבער נאכדעם וואס עס איז געווען הורו הוראה בפני משה, זיי האבן געזאגט, דו ביזט נישט אונזער רבי, זענען זיי געווארן אויס משה רבינו'ס קינדער, זענען זיי געשטארבען וועגן זייער אלטע חטא. - האט ער מיר געזאגט, דו זאלסט וויסן איין זאך, טאמער איינער איז מקבל מרות, ראטעוועט עס פון טויט.